הײַנט **אין נומער:** אונזערע קאַרטעלען — פון אײנזש, א. רוסאַק | און דער ייד טוט זיך ס'זייניגע... — פון ד"ר יהושע טהאָן | די פאַרשטאַט/ שילדערונג פון באַלוט — פון ישראל ראַבאָן | חוזק — סאַטירע, קאַריקאַטורן — „מאַי מאַנזש שעדזשי" (אַקטועלער פעליעטאָן) פון י. אַבערזשאַנעק.

אַרטיקלען און פעליעטאָנען פון ד"ר א. מוקדוני, י. ד. בערקאָוויטש, ש. האַכבערג, א. ש. זאַקס, יוסף פוקס און אנד.

Lodzer Tageblat № 231 — Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem — פּרייז 30 גראָשען

לאָדזשער טאָגעבלאַט

הײַנט 12 זײַטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047. || מאָנטאג, ערב-סוכות י"ד תשרי תרצ"א || 6 października 1930 r. || 23-טער יאהרגאַנג

א מאָדערנעם מענער-הוט

בעקומט איהר נור בײַ

מ. קאַפּעלושניק, קאָנסטאַנטינער 8

א גרויסער אויסוואַהל פון ספּאָרט-מיצען

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט האָב איך דעם כבוד בעקאַנט צו מאַכען דער ג' קונדשאַפט, אַז דעם 15/7 בין איך אַרויסגעטרעטען אַלס שותף פון דער פירמע **שוואַרצמאַן און גרינשפּאַן**, פּיעטריקאָווער 17, און פון דעם דאַטום פיהר איך מיין

פעלץ-וואַרען-געשעפט

אונטער דער פירמע **„בעקער און גרינשפּאַן"** פּיעטריקאָווער 66

טעלעפ. 21-190

אויף לאַגער בעזיץ איך אַ גרויסען אויסוואַהל פון פוטער אויך ענצעלנע פעלעכלעך. דאַמען-מאַנטלען און קאָסטיומען פערטיגע און בעשטעלטע אונטער לייטונג פון בעוואוסטען דאַמען-אַטעליער **א. בעקער**

זעהר [...] פאַר אַלע
הערינג-הענדלער!

[...] פירמע

HURTOŚLED [...] O. O.

Plac Kościelny 7, tel. 188-43

מאַכט בעקאַנט, דאַס ס'איז פאַר איהר אָנגעקומען גרעסערע פּאַסטענס פון פערשידענע הערינג

מאַטיאַס-הערינג

קאַסטעל-באי, אָבאַן, שטאָרנאַוואַי און לערוויקס אין האַלבע און גאַנצע טונען, די בעסטע און שענסטע קוואַליטעטען פון פאָלגענדע מאַרקעס: 1) די בעליבטע מאַרקע בלויע "D„ 2) די פיינסטע מאַרקע „דונקאַן" מאַ-קיווער, 3) די ערשטקלאַסיגע לעסלי קאַסטעלבאַי און אָבאַן, סעלעקטעט און מעדיום אין גאַנצע און האַלבע, 4) די געזוכטע מאַרקע י. י. דומבאַר. 5) די בעקאַנטע פּרימאַ מאַרקע ס. ב, עט קאָמפּ„ 6) די איינציגע גוטע לערוויקער מאַרקע דאָנאַלד זאָהן, 7) די גוטע שטאַרנאַוואַי מאַרקע מ. מ. אַלע זאָרטען ווערען פערקויפט בעדייטענד ביליגער ווי בײַ דער קאָנקורענץ.

שאָטען-הערינג

אונזערע שאָטען-הערינג זענען די בעסטע און ווערען פערקויפט פון 10-20 זלאָטיס אויף אַ טון ביליגער ווי איבעראַל.

האָלענדער הערינג

זעהר גוט צו מאַרינירען און קאָסט זעהר ביליג.

נאָרוועגיער סלאָ-הערינג

גוט צום רויכערן, ווייל ער איז פול און קאָסט גאַנץ ביליג.

נייע יאַרמוטער הערינג

דער פאַנג אין יאַרמוט האָט זיך שוין אָנגעהויבען און אין ערשטען דאַמפער שווימען שוין פאַר אונז יאַרמוטער מאַרקעס **W. S. & S.** און **J. J. Dumbar** גאַנצע און האַלבע פעסער, וועלכע מיר ערוואַרטען אין לאָדז מאָנטאָג, ד. 13 ד. ח.

ווייל די וועטערען זענען שעהן, ערוואַרט מען אַ גוטען פאַנג מיט בי-ליגע פרייזען- ווער עס וועט בײַ אונז קויפען יאַרמוטער פון 10 פעסער אָן אין לאָדז אָדער פון דער פּראָווינץ קען בעקומען די סחורה פראַנקא אין זיין לאַגער אין זלאָטי-פּרייזען געגנוי צו די דאַציגער פּרייזען.

קומט נאָר צו דער פירמא

Hurtośled Sp. zo. o. Plac Kościelny 7 tel. 188-43

אתרוגים
מובחרים לולבים והדסים

במקח השוה על הורט ווענצעל

פּל. וואָלנאַשטשי 10 (נייער-מאַרק)

בײַ **עמנואל קאַפּעלוש.**

אתרוגים
מובחרים כארפו וגם א"י לולבים והדסים

צו בעקומען אויף הורט און ענצעל בײַ

יעקב אהרן יאַנאָווסקי און יאַקובאָוויטש.

נאָוואָמיעסקאַ 7 און צוקערניע וושכאָדניאַ 6, בײַ יאַנאָווסקי פּל. וואָלנאַשטשי 9, בײַ מ. זענדעל אין (לאָמפּען-געשעפט)

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 47 יאָהר אונזער חשוב'ער פעראיינס-מיטגליד

ב"ע אבא ב"ר וואָלף ז"ל מאַנזשוּר

צו דער לויה, וואָס קומט פאָר הײַנט מאָנטאָג, ערב סוכות 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז בזשעזשינער 33, ווערען געבעטען אַלע מיטגלי-דער, קרובים און פריינד פּינקטליך און צאָהלרייך צו קומען, כדי אָב-צוגעבען דעם פערשטאָרבענעם זיין לעצטען כבוד.

די פערוואַלטונג פון פעראיין „עזרת אחים"

אין לאָדז, זאַוואַדזקאַ 28.

גוטע סחורה צו די ביליגסטע פרייזען!
איז הײַנט די בעסטע רעקלאַמע!

בעקאַנטמאַכונג

צום ווינטער סעזאָן איז מיין שיך-מאַגאַזין פערזעהן אין אַ גרויסער אויסוואַהל פון

מענער, דאַמען, קינדער שיך

קאָנקורענצלאָזע פרייזען!
די נייעסטע פאַסאָנען! בעסטע קוואַליטעט!
בעמ.: כפּעציעלער לאַגער פון געמזאָווע שטיוועל.

מיט אַכטונג **פ. קירשטיין לאָדז,**
פּאָמאָרסקאַ 8, טעל. 38-187.

אתרוגים אויף משכנות

צוליב יום-טוב ווערט אַרויסגעגעבען אתרוגים אויף משכנות. אָגראָדאָווא 10 אין הויף רעכטס לעצטער איינגאַנג 3-טער שטאָק בײַ יאַנאָווסקי.

וויכטיג פאַר זאַקען-מאַכער'ס

איך נעם אָן אויסצואַרבייטען אויף קראַפּט רענדער פיינע און דיקע און אויך שקאַרפּעטען.

רעעלע בעהאַנדלונג און ביליג
12 זאַוואַדזקאַ 12 שאַרפּאַייזן.

בעקאַנטמאַכונג

כ'מאַך בעקאַנט מיינע ג' קונדען, אַז בײַ מיר איז צו בעקומען **וויין** פון די פירמעס:

A. Liberman, Warszawa
Ch. Szuldenrein, „
M. Hochglobe, „
I. M. Gutter Łódź

צו פאַבריקס-פרייזען מיט אַכטונג

W. BULWA, Łódź
Główna 47.

לעזט און פאַרשפּרייט
דאָס
„לאָדזשער טאָגעבלאַט"

דאַנקזאַגונג.

מיר אונטערשריבענע דריקען אויס דעם הערצליכסטען דאַנק דעם אינהאַבער פון

פענסיאָנאַט „עלבינגער" לאַסק (בײַ לאָדז)

פאַר די געשמאַקע שפייזען, גוטע בעהאַנדלונג און גוטען פערברענגען ראש-השנה און יו"כ. צוליב דעם פערבלייבען מיר אויך סוכות. אויך ווינשען מיר איהם דעם בעסטען ערפאָלג צום ווינטער-סעזאָן.

לאָדז
אלהנן שטיינשניידער און פאַמיליע, טרעמבאַצקאַ 18
יעקב שטיינשניידער און פאַמיליע, פּאָמאָרסקאַ 41
יעקב פוקס און פרוי, פּאָמאָרסקאַ 41
מאיר רייכמאַן און פרוי, פּאָמאָרסקאַ 41
ברוך שלאַדקאָווסקי און פאַמיליע, וואָלבאָרסקאַ 33
דוד באָדזעכאָווסקי און פאַמיליע. פּיעטריקאָווער 24
ליפשיץ, וושכאָדניאַ 27
דזיאַלאָווסקאַ, פּאָלודניאָווא 23
אוניקאָווסקי, פּאָמאָרסקאַ 41.

זגערזש — אהרן יוסף בערגער און פרוי, נאַרוטאָוויטשאַ 33.
פּאַביאַניץ — ראָטבלאַט, שעווסקאַ 9.
ז. ד. וואָלאַ — מענדיל עדעלמאַן, אָקשינסקאַ 5.

א בשורה טובה!!!

סימפּאַטיקער און מיטגלידער פון

חסד של אמת ומנחמי אבלים לאָדז

די סטאַטוטען פון די געגענזייטיגע לעבענס-פערזיכערונג „וזייעמנע פּאָמאָץ" (אַסעקוראַנץ) ביים פעראיין איז דעם 8-טען סעפּטעמבער בעשטעטיגט געוואָרען דורך די רעגירונג, די אַלע וואָס האָבען זיך דעקלאַרירט ווערען גע-בעטען אין פערלויף פון 10 טאָג איינצוצאָהלען די ראַטע אין די קאַנצעלאַריע פון חסד של אמת פּיעטריקאָווער 34

די פערוואַלטונג

בעמערקונג: די אַלע וואָס וועלען זיך דעקלאַרירען ביז דעם 8-טען -נאָוועמבער וועלען האָבען ספּעציעלע הנחות (פּריווילעגיעס) לויט § 6 פון די סטאַטוטען

כל הקודם זכה

אויף די גינסטיגסטע בעדינגונגען און די ביליגסטע פרייזען!

די איינציגע שטעל, וואו איהר קענט בעקומען צו די ביליגסטע פרייזען און אויף די גינסטיגסטע בעדינגונגען און גרעסטען אויסוואַהל און אין אַלע קוואַליטעטען סאַמעט, וואַש-זיידעס, מעטעאָרז, מאַנגאַל. מאַראָקען, קרעפּ-סאַטען אין אַלע פאַרבען, ווי אויך די בעסטע זיידע אויף יוביצעס איז נאָר בײַ

י. ס. קליגער פּיעטריקאָוו. 31 אין הויף, רעכטס, דאָס 1-טע געוועלב

קומט און איבערציייגט אייך!

אתרוגים

ארץ-ישראל, מובחרים, וגם לולבים בחצי-הנם צו פערקויפען אין איינצעל

אהרן העבט פּאָלודניאָווא 6

לכבוד סוכות!

E W I G

אַן אמת'ער פרעהליכער יום-טוב

וועט איהר האָבען, געברויכענדיג דעם איבעראַל-בעוואוסטען אַלס דער בעסטער טעע אין אַלע סאָרטען און פּאַקונגען.

אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט לעגען מיר אויף די סאָרטען:

„Standart 10"
– i –
„Róża Cejlońska"

ווײַן אויף קידוש בעסטע קוואַליטעט ווײַן

צו 60 גר. אַ פלאַש ¼ ליטער און 1.60 אַ באַטשינקע

קריגט איהר נור אין די עלטסטע לאָדזער ווײַן און מעהד-פאַבריק פון

ש. ווישליצקי, פּיעטריקאָווער 10

אין הויף, פאָדערט איבעראַל.

ווי אויך אין רעסטאָראַן פון ה' בורשטין, גרינער מאַרק 3, ביי ה' שטראַו, זגערזשער 8

ביי ה' הערץ קילינסקיעגאָ 46, און ביי אלי' מרדכי סאַוויצקא ברזשעזשינער 21

Z prawami gimnazjów państwowych

GIMNAZJUM HUMANISTYCZNE MĘSKIE

I. KACENELSONA

Cegielniana 28, tel. 151-79

אין ביידע אָפּטיילונגען פון אונזערע פּרעבעל-שולען **גן-ילדים** צעגעלניאַנאַ 28 — (אָפּטיילונג: קילינסקיעגאָ 120)

ווי אויך אין די פּאַראַלעלע אנפאַנגס-קלאַסען ווערען אָנגענומען קינדער אָהן פאַרבערייטונג.

אין פרעבעל-שולע—אין עלטער פון 4 יאָהר און ווייטער, אין די אָנפאַנגס-קלאַסן—פון 6 יאָהר אָן.

די קאַנצעלאַריע איז אָפען פון 10 ביז 2 פאַרמיטאָג און פון 5 ביז 7 נאָכמיטאָג.

די דירעקציע.

די ערעפנונג פון ציוניסטישען צוזאַמענפאָהר

קומט פאָר דאָנערשטאָג, ערשטער טאָג חול-המועד סכות (9.10) 10 אַ זייגער פריה אין לאָקאַל פון „הזמיר", אַל. קאָשטשושקי 21

די טאָג-אָרדנונג פון דער ערשטער זיצונג נעהמט אַרום פאָלגענדע פונקטען: 1) ערעפנונג — ד"ר ראָזענבלאַט, 2) בעגריסונגען, 3) וואַהלען פון פּרעזידיום און פערמאַנענץ-קאָמיסיע, 4) רעפעראַטען: א) „די יעצטיגע לאַגע אין ציוניזם און אין ארץ-ישראל"—יצחק גרינבוים, ב) „אונזער אַרבייט פאַר די ציוניסטישע פאָנדען און „תרבות"—ד"ר מ. קלומעל, ג) „דער מצב אין דער ציוניסטישער אַרבייט אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע — י. גאָלדשטיין, ד) די געגענוואַרטס-אַרבייט (וואַהלען צום סיים און סענאַט) — רעד. א. גאָלדבערג.

די אָנקומענדע דעלעגאַטען דאַרפען זיך מעלדען אין ציוניסטישען ביוראָ (צעגעלניאַנאַ 4) אָדער אין לאָקאַל פון „הזמיר", וואו עס וועט דאָנערשטאָג זיין טעטיג דאָס קאָנפערענץ-ביוראָ, — כדי אַרויסצונעמען די דעלעגאַטען-לעגיטימאַציעס.

אַריינגאַנגס-קאַרטען פאַר געסט (מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע) אין אַ בעגרענצטער צאָהל ווערען אַרויסגעגעבען אין ציוניסטישען ביוראָ.

א פעהיגער יונגערמאַן, וועלכער בעזיצט גרינדליך די פוילישע שפּראַך אין שריפט און וואָרט, זוכט אַ פּאָסטען צו וואָס עס זאָל נאָר זיין, אַמנעווינשענסטען אַלס אינקאַסענט, ערשט-קלאַסיגע רעפּערענצען. אָפערטען אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" אונטער „A. D."

א פּאָרטפעל אין וועלכען ס'האָט זיך געפינען די נייטיגע דאָקומענטען אויף אַרויסצופאָהרען קיין ארץ-ישראל איז פערלוירען געוואָרען. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָפּצוגעבען געגען בעלוינונג צו ה' א. סאַנדאָווסקי, לאָדז, בושעזשינער 20.

אכטונג, ביליגער ווי איבעראַל פאַטעפאָנען און פּליטעו

פון 79 זל. אן איז צו בעקומען נאָר 6-טען שיערפּיען 19 קומט און איבערצייגט אייך. געדענקט דעם אַדרעס 6-go Sierpnia 19

בשורת ספר חדש:

„הרב של שמחה"

תולדות הרב הגדול בתורה ובחסידות רבי משה נחמיה הכהן ז"ל, אשר היה רב בעיר דוואַרט. בצרוף מכתבים כתב יד קדשם של אדמו"ר הרבי ר' בונם ז"ל ואדמו"ר הרבי ר' יצחק מוואַרקי ז"ל

מאת פ. ז. גליקסמאַן לודז, זאַוואַדזקא 16a

בעקאַנטמאַכונג

A. Rapaport i Synowie

פאַבריק פון טוך- און מאָדערנע סחורות

— ביליק —

מאַכט בעקאַנט די געעהרטע קונדען, דאָס ס'איז ערעפענט געוואָרען אַ פאַבריקס-לאַגער פון אייגענע אויסאַרבייטונגען

אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 39 טעלעפאָן 124-23

„Woltan"

פּרעז. נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 221-40

ראַדיאָ-אָפּנעהמערס, דעטעקטאָרען, ראַדיאָ-מכשירים, עלעקטראָטעכנישע מאַטעריאַלען,

ווי אויך זשאַרובקעס פון די פירמעס:

פיליפּס, טונגסראַם, אָסראַם

צו ביליגע פּרייזען.

עמפּפעהלט:

Dr. med. S. Małowist

ספּעציאַל אַרצט פאַר האַלז, נאָז און אויערען-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

Gdańska 37 — Telefon 115-93.

נעמט אָן פון 2 ביז 4. 4242

Dr. med. J. LUBICZ

Ortopeda

גראַנסקאַ 28, טעל. 183-17

ספּעציאַליסט פון ביינער און געלענק-קראַנקהייטען פערקרימונגען פון פלייצעס און גלידער

פון דעמטליכע אָרטאָפּעדישע אָפּעראַציעס: ווי וקלאָדקעס געגען פלאַך פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען א. א. וו.

נעמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמ.

Dr. med. H. Gutsztadt

אקושער-גינעקאָלאָג

צוריקגעקעהרט

Zachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 129-52

נעמט אָן פון 5 ביז 7 אָוונד.

Dr. Ludwik Falk

צוריקגעקעהרט

הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

נאַוראָט 7, טעל. 128-07

נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוונד.

פלעגט די פיס

PEDICURE

S. Łódzki

Traugutta 5 (Krótka m. 10.) tel. 170-37

נעמט אָן פון 11—2 און פון 4—7 אָן. — געוועזענער אַסיסטענט ביי מיסטער עמאַלען (היהנער-אויג-אַנשטאַלט אין לאָנדאָן). — ספּעציאַליסט צו בעזייטיגען הונער-אויגען און האָרנהויט, ווי אַריינגעוואַקסענע נעגעל אָהן שמערצען. 4321

עס ווערט געזוכט

אַ וואָרינונג

פון 2 שטובען מיט קוך מיט אַלע בעקוועמליכקייטען צו ערפאַהרען אין רעדאַקציע פון 2 ביז 8

Dr. med. Adam Bender

נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 114-75

ספּעצ. אינערליכע און האַרץ-קראַנקהייטען

● די איינציגע אין לאָדז באַד-אַנשטאַלט, ●

וועלכע שעפּט זייט איינציגע טעג וואַסער אויס טיפען אַרטעזער-ברונעם

KĄPIELE „ROYAL"

זשעראָמסקיעגאָ 53, טעל. 179-77

שוויצבעדער I און III קלאַס (רוסיש און רוימיש)

וואַנעס I און II קלאַס ווי אויך קוראַציע-בעדער

טעגליך טעטיג

שוויצבעדער מאָנטאָג און מיטוואָך אויסשליסליך פאַר פרויען

פעדימור אויפ'ן אָרט.

די לייטונג פון אָרטאָדאָקסישען לעהר-אַנשטאַלט

„דרכי-נעם" פון ה' ג. א. ליס אין לאָדז

קילינסקי 50 טעלעפאָן 215-36

אַל. 1 מאַי 20 טעלעפאָן 200-43

מעלדעט דערמיט, אַז אין אונזערע מוסטערהאַפטע גן-ילדים'ס ווענען נאָך פאַראַן איינציגע פרייע פּלעצער.

גלייכצייטיג מעלדען מיר די געעהרטע עלטערן, אַז ביז דעם בעקומען פון מאַגיסטראַט די געהעריגע ערלויבניש אויף אויטאָבוס-פּערקער אין שטאָט פאַר אונזערע תלמידים, האָבען מיר דערווייל אַנגאַזשירט איינציגע פעהיגע און געניג צוראַנטוואָרטליכע מענשען אויף צו פיהרען די קליינע קינדער פון די ווייטע געגענדען.

די לייטונג.

לחבר נשיאותנו

אברהם פצנובסקי

ברכותינו הלבביות הננו שולחים לרגלי הולדת בתך, לגדלה לבת נאמנה לעמנו ולארצנו

הועד וחברי „החלוץ-המרכזי" בלודז

Kilińskiego 12 — Kilińskiego 120

וויכטיג פאַר דער יוד. בעפעלקערונג

פון דרום'דיגען טייל פון אונזער שטאָט (שייבלערס ראַיאָן) וואו עס האָט זיך געעפענט אַן אָפּטיילונג

קאַצענעלזאָנ'ס גן-ילדים

(פרעבעל אַנשטאַלט) און אַ מאָדערנער 7-קלאַסיגער שול מיט אַ רעגירונגס-פּראָג, וואָס נעמט אויך אַריין אַ גרויסער מאָס העברעאישע לימודים און רעליגיע. — קינדער (פון 4 יאָהר אין פרעבעל-שולע און פון 6 יאָהר אין שולע) ווערען איינגעשריבען יעדען טאָג פון 10—1 פאַרמ. אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע

קילינסקיעגאָ 120

E. Gliksman-Feundlichowa

צאָהן-אַרצט

זאַוואַדזקא 16a וואָלטשאַנסקאַ 2 טעלעפאָן 164-47

צוריקגעקעהרט.

ייִן כשר !!!

ווער עס וויל זיך איבערצייגען, אַז ווײַן דאַרף זיין גוט, כאָטש עס קאָסט ביליג, עמפּפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווײַן און מעהד-פאַבריק

אַ פלאַש פון אַ ¼ ליטער זעהר גוטען ראָדזינען ווײַן צו פאַבריקס-פּרייזען

נאָר 65 גראָשען.

צו דער בעקוועמליכקייט פון ג' פּובליקום אין ראַיאָן גרינער מאַרק און שייבלער'ס מאַרק בעקומט מען ביים אויבענדערמאָהנטען ¼ ליטער גוטען אָרדינערן ווײַן צום פּרייז 65 גראָשען אַ פלאַש ווי אויך אַלע אַנדערע סאָרטען ווײַנען צו פאַבריקס-פּרייזען אין די ווײַן-געשעפטען: 1) פ. ליפּעל, גרינער מאַרק 8. 2) ח. בלאַנקעט, גלובנאַ 69.

מיט אַכטונג

ווײַן און מעהד-פאַבריק „פּראָגרעס"

2 אַלטער מאַרק 2

...קונג: ס'ווערט געבעטען אויפמערקזאַם צו ...עמפּעל „פּראָגרעס", לאָדז.

אתרוגים

אמת'ע מובחרים

לולבים והדסים

צו בעקומען 16 פּולנאָצנאַ 16

ביי לייבוש קאַרן און אייזיק לאַנדאָוויטש.

אין טאַבאַק-געשעפט

סוכות

פערטיגע מיט קייטלען. ווי אויך פון דיקטען אויף אַלקאָנען צו זעהר ביליגע פּרייזען

אויך צו בעקומען ברעטער מיט לאַטיס אויף ...

פּולנאָצנאַ 26 און פּולנאָצנאַ ...

בעמערקונג: די סוכות פון וואָסבאָרדני... איז איבערגעטראָגען אויף די אויביגע אַדרעס... שבת צונאַכט און זונטאָג וועט אָפען זיין אַ גאַנצען טאָג.

Dr. med. Berl...

ספּעציאַליסט פון פרויען- און אַקושער-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

...אַ 12 טעל. 224-52 ... פון 5—7

Dr Klozenbe...

נערווען-דאָקטאָר

צוריקגעקעהרט

Dr. Niewiażski

ספּעציאַליסט

פאַר סיפיליס, טריפּער און מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.

פאַר דאַמען ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.

אַנדזשעיאַ 5 טעל. 159-40

נעמט אָן פון 8.10 1—3 5—9

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָווניע

— אונטער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט — מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וקלאַדקעס געגען פלאַך פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַטען א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28, וו. 1, פון 5—7 אָוונד

Dr. med H. Różaner

ספּעציאַליסט פון הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען אין קינדערלאָזיגקייט

נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעל. 128-08

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 8—10; 5—8 אָוונד

אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

אַ בשורה טובה פאַר סוחרים און פאַבריקאַנטען.

פּראָטעסטירטע וועקסלען מיט אָפּגעפאַלענע זשירעס (פערשפעטיגטע) ווערען ערלעדיגט און בעקומען אירע פולע רעכט (לויט'ן אַרטיקעל 72)

סוחרים! אויב איהר ווילט נישט פערלירען דאָס געלד קומט צו דעם

רעכטס-קאָנסולענט-ביוראָ

„VESTA" צעגעלניאַנאַ 43

דאָרט קענט איהר אייער געלד אָפּראַטעווען.

קומט און איבערצייגט אייך!

קליענטען בעקומט איהר אין פערלויף פון 24 שעה

בעמערקונג: מיר קויפען אָפּ פּראָטעסטירטע וועקסלען געגען קאַסע.

Dr. M. Warhaft

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען

Gdańska 23 telef. 173-45

צוריקגעקעהרט

נעמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג

Dr. med. E. Reicher

ספּעציאַל אַרצט

פאַר הויט האָר און ווענערישע קראַנקהייטען

דיאַטערמיע-בעהאַנדלונג און עלעקטראָ-טעראַפּיע

גלודניאָווע 28 טעל. 201-93. נעמט אָן פון 8—11 פריה און 5—9 אָוונד. זונטאָג פון 9—1 מיטאָג.

פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פּרייזען

Dr. med. Z. DATYNER

ספּעציאַליסט פאַר נירען-בלאָז און אורין-קראַנקהייטען

Piramowicza 2, tel. 148-95

נעמט אָן פון 9 ביז 10 פריה און 6—8 אָוונד.

Dr. A. Mazur

צוריקגעקעהרט

וואָסכאָדניאַ 67, — טעל. 166-01

נעמט אָן פון 10—2.31.30 און 4—6 אָוונדז:

Dr. med.

G. Gersztajn

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

Traugutta 12 (טראַוגוטאַ)

Telefon 175-10

נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 7 ביז 8 אָוונד.

Dr. med. J. Nadel

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

פּאָמאָרסקאַ 7 טעל. 127-84

נעמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג

Dr. med. B. DONCHIN

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

פּיעטריקאָווער 90, טעל. 221-72

נעמט אָן פון 10—1 און 4 — 7.30

צוגענגליכע פּרייזען! גינסטיגע בעדינגונגען

B-cia F. i J. PIETRUSZKA

זשעלאַנאַ 2, טעלעפ. 142-38.

אין גרויסען אויסוואַהל אין רויען און פערטיגען צושטאַנד עמפּפעהלען

אַלערליי פוטער'ס

גרעסטע לופט=שיף קאטאסטראפע אין דער וועלט

מיט דער גרעסטער לופט-שיף פון דער וועלט

ענגלישער דיריזשאבעל „ר. 101" פערברענט געווארען

50 פאסאזשירען דאס רוב יודען שטארבען מיט א שרעקליכען טויט

צווישען די אומגעקומענע געפינט זיך אויך דער ענגלישער לופט=פלאט=מיניסטער

לאנדאן 5 (ספעצ. צום „לאדזער טאגעבלאט") רייטער מעלדעט, אז היינט האלב 3 ביינאכט איז פארגעקומען א שרעקליכע קאטאסטראפע מיט דער גרויסער ענגלישער לופט-שיפט „ר. 101" איז באַ - וויי. אויף דער לופט - שיף האט פלוצלינג אויסגעבראכען א שרפה און דערנאך איז די לופט-שיף אראפגעפאלען פון א גרויסער הויך. פון די 53 פאסאזשירען זענען בלויז ניצול געווארען עטליכע פערזאן, יודען. די איבעריגע זענען אלע אומגעקומען.

פרטים פון דער שוידערליכער קאטאסטראפע

לאנדאן 5 (ספעצ.) רייטער מעלדעט פאלגענדע פרטים וועגען דער שרעקליכער לופט - שיף קאטאסטראפע:

די לופט-שיף איז געפלויגען נישט זעהר הויך. זי האט אבער געהאט צו קעמפען מיט א שטארקען ווינד. פלוצלינג האבען זיך בעוויזען פלאמען אויף דער לופט-שיף און זי האט אנגעהויבען אראפפאלען. פון די 55 פאסאזשירען זענען 19 גערעטעוועט געווארען. צו דער לופט-שיף איז נאך איצט נישט מעגליך צוצוקומען. איבער דער שרעקליכער היץ, וואס עס שלאגט פון איהר. צווישען די 19 גערעטעוועטע געפינען זיך 8 שווער-פערוואונדעטע, דערונטער דער ענגלישער לופט-פלאט מיניסטער.

פון 58 פאסאזשירען ניצול געווארען קוים 8

באַ - וויי, 5. אקט. (ספ. צום „ל.ט.") די וויטערדיגע פרטים פון דער קאטאסטראפע זענען גרויליכאפט. עס שטעלט זיך ארויס, אז פון דער צאהל 58 פאסאזשירען און מאנשאפט זענען ניצול געווארען קוים 8 פערזאן. די איבעריגע 50 זענען אלע אומגעקומען. צווישען די אומגעקומענע געפינט זיך אויך דער ענגלישער לופט-פלאט-מיניסטער לארד טאמפסאן, דער קאמענדאנט פון דער שיף און זיין געהילף.

אין מאמענט בעת דאס פייער האט אויסגעבראכען זענען אלע געווען הילפלאז. בלויז דער פילאט איז לעבען געבליבען.

וואס דערצעהלט דער לעבען-געבליבענער פילאט?

באַ - וויי, 5. אקט. (ספ. צום „ל.ט.") ווי דער לעבען-געבליבענער פילאט גיט איבער, האבען די מאטארען פון דער לופט-שיף געארבייט נארמאל. די שיף האט בלויז געהאט צו קעמפען מיט א שטארקען ווינד. פלוצלינג איז אנגעקומען א געוואלטיגע לופט-כוואליע, וואס האט מיט א טייטאנישער קראפט א שלייַ דער געטען די לופט-שיף צו דער ערד. דאן איז פארגעקומען דער אויפרייס. דער פילאט איז ניצול געווארען, ווייל ער האט זיך געפינען נעבען וואסער-רעזערוואר און האט אזוי ארום זיך געקאנט שיצען פון די פלאמען.

ענגלישער לופט-פלאט מיניסטער אומגעקומען אין די פלאמען

לאנדאן, 5. אקט. (ספעציעל צום „לאדזער טאגעבלאט") רייטער מעלדעט ווייטערע פרטים פון דער שרעקליכער לופטשיף-קאטאסטראפע: ווען די לופט-שיף האט זיך שוין געפינען גאנץ נידריג צו דער ערד, האט זי זיך נאכאמאל געפרובט אויפהייבען אין דער לופט, אבער עס איז איהר שוין נישט געווען אוממעגליך.

דער אומגעקומענער לופט-פלאט-מיניסטער טאמפסאן איז אלט געווען 51 יאהר און איז געווען אונפערהייראט.

צווישען די אומגעקומענע געפינט זיך אויך מאיאר סקאט, וואס האט געמאכט די רייזע אלס קאמענדאנט פון דער לופט-שיף קיין קאנאדא. ער איז אויך געווען דער קאמענדאנט פון דער שיף ר. 34, וואס האט געמאכט דעם ערשטען פליה איבער'ן אטלאנטיק.

די לעצטע דעפעשע האט די לופטשיף ארויסגעשיקט 1.50 ביינאכט. אין דער דעפעשע איז געווען געזאגט: מיר גייען איצט שלאפען נאך א גוטען אווענד-מאלצייט.

אומגעקומען אויף דער שעף פון ציווילען ענגלישען לופט-פלאט

באַ - וויי, 5. אקט. (ספ. צום „ל.ט.") ביז יעצט האט מען שוין ארויסגענומען 44 פערקוילטע קערפערס. 3 הרוגים געפינען זיך נאך אונטער די חורבות פון דער לופט-שיף. 25 פאסאזשירען זענען אומגעקומען אין איין קאבינע. צווישען די אומגעקומענע געפינט זיך אויך סער בראנקער, דער שעף פון ציווילען לופט-פלאט אין ענגלאנד.

טרויער אין ענגלאנד

לאנדאן 5. אקט. (ספ. צום „ל.ט.) די מורא'דיגע לופט-שיף-קאטאסטראפע האט געמאכט א שרעקליכען איינדרוק אין ענגלאנד און פראנקרייך.

דער פראנצויזישער לופט-פלאט-מיניסטער האט צוגעשיקט א מיטגעפיהל-דעפעשע צו דער ענגלישער רעגירונג.

ד"ר שילס אויף דער רייזע קיין א"י

קאאירא 5 סעפט. (יט"א) רייזענדיג איבער עגיפטען קיין ארץ ישראל האט דער ענגלישער וויצע-קאלאניען-מיניסטער ד"ר שילס געגעבען אן אינטערוויאו דעם פארשטעהער פון דער צייטונג „עגיפציען גאזעט" און איהם ערקלערט, אז בעת זיין בעזוך אין ארץ ישראל שטעלט ער זיך נישט קיין ספעציעלע צילען.

אין ארץ ישראל וועט ער זיך בעקענען מיט די לאקאלע בעדינגונגען און איינשטעלען א פערזענליכען קאנטאקט מיט די פארשטעהער פון דער בעפעלקערונג אויך פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג.

קאנפליקט צווישען די קריסטליכע און מוסולמענישע אראבער זיך איבערגעטראגען קיין יפו

ירושלים 5. סעפט. (יט"א) דער קאנפליקט צווישען די קריסטליכע און מוסולמענישע אראבער, וואס דויערט שוין עטליכע וואכען אין היפה, האט זיך שוין איצט אויך איבערגעטראגען קיין יפו.

א קאטוילישער אראבער איז אנגעפאלען אויף א רעדאקטאר פון א מוזולמענישער צייטונג אין יפו און איהם שווער פערוואונדעט. דער בעפאלענער ליגט איצט צו בעט. דער דיסטריקט-קאמיסאר פון דרום ארץ-ישראל האט ערקלערט, אז ער וועט בשום אופן נישט דערלאזען, אז דער קאנפליקט זאל זיך פערברייטערן.

פאר א דיקטאטור אין קובא

לאנדאן 5. (ספ.) פון האוואנא מעלדעט מען, אז דער פרעזידענט פון קובא גענ. מאכאדא האט זיך געווענדעט מיט א דעקרעט צום קאנגרעס פאדערענדיג מבטל צו מאכען אלע קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען, ביז צו די נאוועמבער-וואהלען, כדי צו פערהיטען פון עווענטועלע אונרוהען. אין דער ערשטער רייה זאל אפגעשאפט ווערען די פרייהייט פון דער פרעסע, ווארט און פערזאמלונגען.

ווייך און מעהד

און אלערליי געטראנקען

גוט און ביליג

קופט מען ביי דער בעוואוסטער פירמע

„בארווין"

אינה.
מענדיל בארנשטיין
לאדז,
נאוואמיעסקא 30
טעלעפאן 210-58
דירעקטער אימפארט פון
א"י און אונגאר-וויין
•••••••••••
אייגענע ראזינען - וויין
פאבריק

פון לאדזער האנדעלס-געריכט

—:0:—

פירמע י. ל. ריבאק וויל רעגולירען

אין דער פראגע וועגען אופאדלאשטש פון יהושע-לייזער ריבאק (גאלאנטעריע-געשעפט אויף נאוואמיעסקא 14) איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען.

ריבאק האט פארגעלייגט צו רעגולירען אויף 12 פראצענט אין דריי האלב-יעהרליכע ראטעס. 34 קרעדיטארען פון 36,701 זל. האבען דערויף מסכים געווען. דאס געריכט וועט דעם ענין בעטראכטען דעם 14. ד. ח.

לאדזער בירגער!

„חסד של אמת ומנחמי אבלים", וועלכען טאג-טעגליך קומט אוים צוזאמענצושטעלען זיך מיט דער נויט און די פערצווייפלונג פון די פערבליבענע פאמיליעס, נאך אונזערע בירגער, וואס דער טויט רייסט ארויס פון אונזער שטאט, וואס לאזען איבער זייערע פאמיליעס אין א טרויעריגער מאטעריעלער לאגע, אום צו פערזיכערן א מיני-מום עקזיסטענץ און צו לינדערן די נויט פון די פערבליבענע אלמנות ויתומים

האבען מיר געשאפען ביים פעראיין א געגענזייטיגע הילפס-פערזיכערונג אויף קאמונאלע יסודות, ווי אזעליכע פערבליבענע פאמיליע, וועט קאנען בעקומען ביז 1000 זל. מיר האפען, דאס די לאדזער יודען וועלען אויפנעהמען די ידיעת מיט ענטוזיאזם און וועלען זיך גלייך ווענדען נאך אינפארמאציע אין אונזער קאנצעלאריע, וועלכע איז טעטיג א גאנצען טאג.

די פערוואלטונג

בעריכטס-פערזאמלונג פון קאנגרעס פאר'ן ארבייטענדען א"י

מיטוואך אווענד קומט פאר אין זאל פון „התאחדות" א בעריכטס-פערזאמלונג פון דעם לעצטען אלוועלטליכען קאנגרעס פאר'ן ארבייטענדען א"י. עס וועלען רעפערירען די ה"ה ד"ר טארטא-קאווער, ז. בוימגאלד און נעלער.

ספארט-זשורנאליסט פון א"י אין לאדז

אין לאדז וויילט איצט דער ספארט-זשורנאליסט פון ארץ-ישראל ה' ליפע לעוויאטאן. ה' ל. האט בעזוכט אונזער רעדאקציע און אפגעגעבען א גרוס פון דער ספארט-בעוועגונג אין ארץ-ישראל.

לופט-קאטאסטראפע אין לאדז

עראפלאן שטארק בעשעדיגט, פליהער לייכט פערוואונדעט

(§) נעכטן ארום 7 פריה איז אויפ'ן לאדזער לופט-פליה-פלאץ אין לובלינעק פארגעקומען א פליה-קאטאסטראפע. 6.50 האט דער עראפלאן פון מיט „העגריאט" פילאטירט דורכ'ן שולער לופט-פליהער רודאלף בואק, זיך אויפגעהויבען אין דער לופט. פלוצלינג איז דער מאטאר קאליע געווארען און דער אפאראט האט פון זעהר הויך גיך גענומען פאלען צו דער ערד. דער עראפלאן איז אראפגעפאלען אויפ'ן פליה-פלאץ אויפ'ן ארט, וואו עס זענען געווען פערזאמעלט פיל שילער פון לופט-פליהער-שול און נאר א דאנק דעם, וואס די שילער האבען אין לעצטען מאמענט בעוויזען צו ענטלויפען, איז נישט געקומען צו קיין גרעסערע קאטאסטראפע מיט מענשליכע קרבנות.

דער עראפלאן איז שטארק בעשעדיגט געווארען. דער פילאט איז צום גליק לייכט פערוואונדעט געווארען.

אפגעבריהט מיט א טשייניק קאכעדיג וואסער

(§) אויף זאקאטנא 65 האט נעכטען פאסירט אן אומגליק מיט א קינד צוליב אונפארזיכטיגקייט פון די עלטערן. דער 7-יעהריגער יעזשי בערגער, זייענדיג אליין און שטוב האט גענומען טעפלעך מיט וואסער און זיי ארויפגעשטעלט אויף דער קיך צום קאכען. בעת די טעפלעך וואסער האבען אויפגעקאכט, האט דער קליינער בריח געוואלט זיי אראפנעמען פון דער קיך, אבער דא איז געשעהען דאס אומגליק. דאס יונגעל האט אויף זיך אויסגעגאסען א טשייניק מיט קאכעדיג וואסער און זיך שווער אפגעבריהט דאס פנים. די געשרייען פון קינד האבען אלארמירט די שכנים, וועלכע האבען באלד ארויסגערופען פאגאטאוויע, וואס האט דעם יונגעל ערטיילט די ערשטע הילף און אויף דער בקשה פון די עלטערן איהם אין א געפעהרליכען צושטאנד איבערגעלאזען אין דער היים.

נייער ראמאן

פון ישראל ראבאן

דער בעקאנטער שריפטשטעלער ישראל ראבאן, אונזער בן-עיר, האט פארגעשריבען א נייעם ראמאן. דאס איז א גרויס ווערק (עטליכע הונדערט זייטען), און וועלכען דער בעגאבטער ראמאניסט וויקעלט פונאנדער פאר אונז אין שטארקע און פארבען רייכע בילדער דאס לעבען פון די יודען און דער לאדזער פארשטאט באלוט. די אטעם פערכאפענדע שילדערונגען און פריינטליכע דיאלאגען פון ישראל ראבאן'ס נייעם ראמאן פיהרען ארוים פאר אונז פיל אינטערעסאנטע פערסאנאזשען פון דער מערקווירדיג - אינטערעסאנטער פארשטאט מיט איהר פאלקס-פערגעהם און איינגעארטונקייט. דאס ווייכטיגסטע דערביי איז דאס, וואס ראבאנס ווערק איז רייך מיט שפאנענדיגע קינסטלערישע מאמענטען אנהאלט און איז אנגעפיקעוועט מיט אמת'דיגע פאטרי-גען און געשטאלטען פון פאר'מלחמה'דיגען און היינטיגען באלוט, וועלכע דאס לאנג געווארט אויף דעם קינסטלער, וואס זאל דער לאדזער פארשטאט געבען איהר מיטמערישען תיקון און ווארט און בילד.

ישראל ראבאן, אלס לאדזער קינד, איז דער, וועלכער איז געווען דערצו בערופען.

אין היינטיגען נום. „לאדזער טאגעבלאט" ברענגען מיר פון ישראל ראבאן'ס נייעם ראמאן א פראגמענט, וואס גיט א כאראקטעריסטישע שילדערונג פון באלוטער יודישער צאפלדיגקייט.

בר-מצוה-פייערונג אין אלעקסאנדערער „הויף"

דעם אלעקסאנדערער רבי'נס ברודערם ר' יעקב' בונם'ס יונגעל מרדכי איז אלט געווארען 13 יאהר און אין אלעקסאנדער איז נעכטען געפייערט געווארען דער בר-מצוה-יום-טוב. דער בר-מצוה-בחור האט געהאלטען א דרשה, וואס האט געדויערט העכער 2 שעה און האט ארויסגערופען ענטציקונג ביי די געסט. דער רבי שליט"א האט ביים טיש געזאגט תורה און דאס בר-מצוה-יונגעל איז בעשאנקען געווארען מיט מתנות.

דאס חגיגה'לע האט זיך פערצויגען ביז שפעט ביינאכט. טיש-האלטער איז די גאנצע צייט געווען דעם רבי'ס יונגסטער ברודער הרב ר' אברהם חיים.

דער קאאפעראטיווער טאג אין לאדז

די נעכטיגע פייערונגען אין לאדז

(פ) נעכטען איז געפייערט געווארען, ווי'ט מנהג פון אלע יאהר, דער קאאפעראטיווען-טאג אין לאדז. אלע לאקאלען פון די קאאפעראטיווען און די הייזער פון דער געז. „לאקאמאר" און באַני זענען געווען בעצירט מיט פאהנער פון קאאפעראטיווען. אין די קאאפעראטיווען זענען אפגעהאלטען געווארען אקאדעמיעס. אין אווענט איז אין „פילהארמאניע" פארגעקומען אן אקאדעמיע, וואו עס זענען געהאלטען געווארען רעדעס מעניגא דיומא און עס זענען געזונגען געווארען דורך א כאר קאאפעראטיווען-לידער. אויסער דעם זענען אין משך פון טאג געהאלטען געווארען א רייה רעפעראטען וועגען דער קאאפעראטיווער בעוועגונג.

דער לאדזער רעגולאציע-פלאן א פראצעס אין געריכט

היינט הויבט זיך אן אין לאדזער קרייז-געריכט א פראצעס פון פראפ. מיכאלסקי, דעם מחבר פון רעגולאציע-פלאן פון דער שטאט לאדז. פראפ. מיכאלסקי קלאגט אז די רעדאקציע פון דעם סאנאציע-ארגאן פון דער לאדזער גרויס-אינדוסטריע „פראוודא" פאר בעליידיגען איהם אין דרוק. אלס עדות וועלען ארויסגערופען די גרעסטע טעקסטיל-אינדוסטריעלער ווי אויך פארשטעהער פון מאגיסטראט.

צו דער ציוניסטישער ראיאן-קאנפערענץ אין לאדז

דאס הונגע ציוניסטישע ביורא פערענדיגט שוין די הכנות צום ציוניסטישען צוזאמענפאהר פון לאדזער וואיעוואדזטווא, וואס וועט פארקומען דעם 1. טאג חול המועד סוכות פון 10 פריה אין לאקאל פון „הזמיר" (אל. קאשטש. 21). עס ווערען געמאכט בעמיהונגען, אז די קאנפערענץ זאל אויסקומען זעהר אימפאזאנט און זאל פערוואנדעלט ווערען אין א מאני-פעסטאציע פון ציוניסטישען געדאנק און ווילען.

צו דער קאנפערענץ קומען ספעציעל פון ווארשא די מיטגלידער פון ציוניס-טישען צ.ק.: יצחק גרינבוים, ד"ר מ. קלומעל, רעד. א. גאלדבערג און מיטגליד פון צענטראל-ביורא ה' י. גאלד-שטיין.

דאס קאנפערענץ-ביורא מיילט מיט, אז די אנקומענדע דעלעגאטען דארפען פריהער ארויסנעמען אין ביורא זייערע דעלעגאטען-לעגיטימאציעס.

פאר געסט (מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע) איז רעזערווירט געווארען א בעגרענעצטע צאהל פלעצער. איינגאנגס-קארטען ווערען ארויסגעגעבען אין ציוניסטישען ביורא.

דער וואהל־ווירוואר אויף דער יודישער גאס

„אגודה" געשאפען א „נאציאנאל־ווירטשאפטליכען" בלאק מיט די פאלקיסטען און אנדערע גרופירונגען

גרינבוים'ס ענטפער צו די איניציאטארען פון דאזיגען בלאק

אויך אין מזרח־גאליציע זאל זיך שאפען א אלגעמיין יודישער בלאק

גרינבוים'ס ענטפער צו די מתעסקים פון א אלגעמיינעם יודישען בלאק

וו א ר ש א, (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט א גאנצען טאג ביז שפעט אין דער נאכט זענען אין ווארשא פארגעקומען בעראטונגען צווישען פערשידענע גרופירונגען וועגען שאפען אן אלג. יודישען בלאק. די בעראטונגען זענען פארגעקומען צווישען דער „אגודה", פאלקס־פארטיי, סוחרים און האנדווערקער.

צו די בעראטונגען זענען אויך איינגעלאדען געווארען די ציוניסטען, אבער עס איז אנגעקומען א בריף מיט גרינבוים'ס אונטערשריפט, אז ווי באלד די „אגודה" געפינט זיך אויך אויף דער בעראטונג, קענען די ציוניסטען צו איהר נישט קומען.

די בעראטונגען זענען דעריבער פארגעקומען אהן אנטייל פון די ציוניסטען. נאך לאנגע און הייסע וכוחים איז ענדגילטיג געשאפען געווארען דער בלאק צווישען די דערמאנטע גרופירונגען, וואס טראגט אפיציעל דעם נאמען: אלגע־[illegible]

פערטיילונג פון די מאנדאטען. עס זאל זיין פאראויסגעזעהען, אז אויפ'ן ערשטען ארט פון דער ליסטע געהט אן'אגודה'ניק און אויפ'ן צווייטען ארט א פאלקיסט. די ענדגילטיגע פערטיילונג פון די מאנדאטען זאל דורכגעפיהרט ווערען מארגען און דאן זאל אפגעגעבען ווערען די מלוכה־ליסטע.

באנדיטען ערמארדעט א יודישע פאמיליע הינטער ראוונא

ר א וו נ א (טעלעפאניש דורך ימ"א) אין דארף קאזישטש הינטער ראוונא איז דורך באנדיטען ערמארדעט און בערויבט געווארען דער יודישער כוחר שמואל קלארפארב און זיין פרוי. די באנדיטען האבען ביי די ערמארדעטע צוגענומען דאס גאנצע געלד און דאס ציהרונג.

די בעמיהונגען פון דער פאליציי צו ענטדעקען די מערדער האבען דערווייל נישט געבראכט קיין רעזולטאט.

יודען און די פארלאמענט־וואהלען אין עסטרייך

וו י ע ן (י.ט.א.) אין צוזאמענהאנג מיט'ן פונאנדערלאזען דעם עסטרייכישען פארלאמענט און די נייע וואהלען ווערט אין די יודישע קרייזען לעבהאפט דיסקוטירט די שטעלונג בעת די וואהלען. פארלויפיג איז נאך נישט בעוואוסט, צו וועלען די וויענער יודען און בעזונדערס די ציוניסטען ארויסשטעלען אן'אייגענע ליסטע, אדער זיי וועלען פראקלאמירען א וואהל־אבסטינענץ. לויט דער איצטיגער וואהל־ארדינאציע האט נישט א בעזונדערע יודישע ליסטע קיין שום שאנסען צו בעקומען א מאנדאט. פון דער אנדערער זייט איז דעם יודישען וועהלער זעהר שווער צו ענטשיידען, ווי ער דארף זיך פערהאלטען אין דעם פערביטערטען וואהל־קאמף צווישען די קריסטליך־סאציאלע און די סאציאל־דעמאקראטען. דערביי זענען די 2 איבעריגע פארטייען, דער „לאנד־בונד" און די „גרויס דייטשען" אויסגעשפראכען אנטיסעמיטיש.

[illegible] צו פערטיידיגען

די רעפובליק

וו י ע ן 5 (ספ.) דער סאציאליסטישער „שוץ־בונד" האט פערעפענטליכט א אויפרוף אין וועלכען ער רופט זיינע מיטגלידער צו בעשיצען די רעפובליק און די קאנסטיטוציע פאר א דראהענדע מלוכה־איבערקערעניש.

אין אויפרוף ווערען די מיטגלידער פון שוץ־בונד געווארענט, זיך נישט צו לאזען פראוואצירען פון דער היימוועהר און זיי זאלען איינהאלטען די אייזערנע דיסציפלין.

אלגעמיינער יודישער בלאק אין מזרח־גאליציע?

לעמבערג. (טעלעפאניש צום „ל. ט.") היינט האט דער פארטיי־ראט אפגעהאלטען א לענגערע בעראטונג וועגען די וואהלען. עס איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען די וואהלען און וועגען דער מעגליכקייט צו שאפען א לאקאלען בלאק מיט דער אגודה צוליב די ספעציפישע פערהעלטנישען פון יודען אין מזרח־גאליציען.

נאך א לענגערער דיסקוסיע זאל זיין בעשלאסען געווארען צו שאפען אן'אלגעמיינעם יודישען בלאק און ווי מען גיט איבער זאל דער בלאק שוין זיין א געשעהענער פאקט.

ערשטער אראבישער סטודענט אין ירושלים'ער אוניווערזיטעט

ירושלים (י.ט.א.) א מיטגליד פון דער הוסייני־משפחה, וועלכער האט געענדיגט א מיטעל־שול אין ביירוט, האט בדעה פארטצוזעצען דאס שטודיום פון דער אראבישער שפראך אויף דעם ירושלים'ער אוניווערזיטעט. דאס וועט זיין דער ערשטער אראבישער סטודענט אויף דעם העבראישען אוניווערזיטעט.

[illegible]

(פ) אין דער לעצטער צייט מעהרען זיך די ערקויפער אויף ראטעס פון פערשידענע אבליגאציעס פון מלוה־הלואות די פערקויפער פלעגען נעמען קאנטאקט און דערנאך זענען זיי פערשוואונדען געווארען ווי אין וואסער אריין און אזוי ארום האט נישט איינער אנגעוואוירען זיינע אפגעשפארטע גראשענס א דאנק די דאזיגע אומגעבעטענע מאגידים.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט מאכט די דאזיגער ענין יעצט נאכמיטאג ווען אויף צוא אופן, אז דער פערקויף פון אבל נאציעס וועט פאר קומען נאר אויף יסוד פון א מאנדעטיע וואס די פערקויפער וועלען מוזען בעזיצען, און אז עס וועט נעמען א סוף צו די שווינדעלייען.

3 פאלען פון פלוצלונגען טויט

(§) געלעגען איז די פאנאמאניע ארויסגער פון געווארען צו 3 פאלען פון פלוצלונגען שטארבען. דער ערשטער פאל האט פאסירט אויף פאדמיעיסקא גאס. וואו עס איז פלוצלונג געשטארבען די פרוי מאריאנא לאוערמאן פון פלאציקא גאס 46. דער טויטער קערפער איז אפגעפיהרט געווארען אין פראזעקטא־ריום.

דער צווייטער פאל האט פאסירט אויף זאכארניא 44, וואו עס איז פלוצלונג געשטארבען ביים אראפגעהן פון די טרעפען א געוויסער יאן מיכאלסקי, וועלכער איז געקומען אהין וועלכען הויז צו זיין חבר פאפראווסקי אויף בעזוך.

דער דריטער פאל פון פלוצלונגען טויט האט פאסירט אויף מאריא פעטראוויטש־גאס 10, וואו עס איז פלוצלונג געשטארבען ביים עסען מיטאג יוליאן קאלווינסקי.

אין די אלע פאלען האט דער ארויסגערופענער פאגאטאוויע־ראטאר שוין פעסטגעשטעלט דעם טויט.

וויכטיג פאר יעדען יוד!!!

א פלאש פרימא ראזינען־ויין $^{1}/_{4}$ ליטער 65 גראשען

א גרויסע פלאש „ „ $^{1}/_{2}$ „ 1.25 „

אויך בעסערע זארטען וויין צו די ביליגסטע פרייזען צו בעקומען אין

ווין־פאבריק „מאלווין" צעגעלניאנא 36 אין הויף

אדער אין ויין־געשעפט פאלודניאווא 5, ביטע זיך איבערצייגען.

מיט אכטונג משה אלטער

צעגיעלניאנא 36 אין הויף — פאלודניאווא 5.

די הייל־אנשטאלט פאר שטאמלער

ש. זשילקעוויטש, ווארשא, כלאדנא 22

גרינדליכע אויסהיילונג פון דעם פעהלער (גוט צו רעדען) שיקט ארויס פראספעקטן־בראשורען אומזיסט. פערזענליך אין קאנצעלאריע פון 4—5 נ"מ

פון ספארט־לעבען

„וו. ק. ס" — „ט. כ. ס" (טארן) 3:0 (0:1)

דער מעטש צווישען „וו. ק. ס" און „ט. ק. ס" פון טארן וועגען ארויפגעהן אין דער ליגע איז צוליעב'ן שלעכטען וועטער נישט געשטאנען אויף קיין הויכער מדרגה. „וו. ק. ס" האט איבערגעשטיגען דעם געגנער און דערצילט א פערדינטען נצחון.

טויערן האבען געשאסען: קאטשמארעק, קלימטשאק און ניקעל.

„הכח" — „סאקול" (זגערוש) 1:2 (1:1)

„הכח", וועלכער געפינט זיך איצט אין א גוטען פארם, האט לייכט בעזיגט דעם געגנער. ביידע טויערען האט געשאסען מארגענשטערן.

אויסגעצייכנט האבען זיך: מאשקאוויטש, קוטשינסקי און מארגענשטערן.

„חשמונאי" — „ביעג" 1:1

„חשמונאי" וועלכער שלאגט כסדר אלע „א"־קלאסיגע מאנשאפטען, האט געשפילט שעהן און געהאט א לייכטען איבערגעוויכט איבער'ן געגנער.

„הרימה" — „ווידזעוו" 3:1

א פכבודיגער רעזולטאט פון דער „ב" קלאסיגער „קרימה", וועלכע האט געשפילט אהן מול.

„ל. ט. כ. ג." — „בורזשא" 2:6

„קרימה" — „קרושע־עודער" 0:0

„הכח" III — „החלוץ המרכזי" 1:9

די נעכטיגע ליגע־מעטשען

„ווילא" — „קראקאוויא" 0:1

„לעגיא" — „פאלאניא" 4:8

„ווארטא" — „ל. כ. ס" 1:3

„טשארני" — „פאזנאן" 0:1

„רור" — „ווארשאוויאנקא" 1:2

„די איינדרוקען פון ארץ ישראל"

דער רעפעראט פון געוו. דעפ. הארטגלאס אין „זמיר"

שבת האט די ציוניסטישע יוגענד־ארגאניזאציע „תיאודור הערצל" איינגעארדנעט אין לאקאל פון „הזמיר" א זעהר אינטערעסאנטען רעפעראט פון געוו. דעפ. א. הארטגלאס אויף דאס טעמא: „איינדרוקען פון ארץ־ישראל.

דער רעפערענט האט געגעבען א לאנגע און אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון די ערטער אין ארץ־ישראל, וועלכע ער האט בעזוכט נאך זיין אנקומען קיין חיפה, און בפרט זיך אפגעשטעלט אויף דער גלענצענדער ענטוויקלונג פון דער עלט־איינראפעאישער יודישער שטאט תל־אביב, וועלכע איז זיך פונאנדערגעוואקסען א דאנק דער אונטערנעמונגער ארבייט פון דער יודישער בעפעלקערונג. דער רעדנער האט אויך געשילדערט די ארץ־ישראל'דיגע יודען, וואס רעכענען זיך מיט דער גרויסער בעדייטונג פון אויפבוי־ווערק, וועלכעס האט זיך לעצטענס זעהר שעהן ענטוויקעלט, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע שוועריגקייטען.

צום סוף האט ארוו. הארטגלאס זיך געווענדעט צום פובליקום, עס זאל צו־העלפען דער הייליגער און אינטערנעמונגער ארבייט דורך פיזישע כחות, ד. ה. דורך ארויסשיקען קיין ארץ־ישראל מענשען, וועלכע מען בעדארף דארט איצט זעהר שטארק.

דעם רעפערענט האבען די צוהערער לאנג און ווארעם אפלאדירט.

קריאה בספר תורה

דער בעוואוסטער בעל קריאה נפלא און מורה „יחיאל מאיר סלובסקי", חסלאדניא 29, ערעפענט לעקציעס העב־ראאיש און קריאה בתורה, אלס בעלי־קריאה ממדרגה ראשונה.

היטלער וועגען די פערפליכטונגען פון ווערסאילער טראקטאט

לאנדאן, (ספ.) דער „טיימס" פערעפענטליכט אן'אינטערוויאו פון זיין קארעספאנדענט אין מינכען מיט היט־לער'ן מכח דער שטעלונג פון די נאציאנאל־סאציאליסטען צו דער אויסערן־פאליטיק פון דייטשלאנד. אויף דער פראגע פון קארעספאנדענט צו אן'אויסערן־מיניסטער פון א נאציאנאל־סאציאליסטישער רעגירונג וועט אפווארפען דעם ווער־סאילער טראקטאט, צי ער וועט זיך בלויז בעגרעניצען אויף דער פאדערונג פון א רעוויזיע פון זיינע פאליטישע בעשטי־מונגען, האט היטלער ערקלערט, אז ער קאן נישט געבען קיין רעצעפטען־ענטפער, מחמת א רעגירונגס־פאקטאר פון דער אויסערן־פאליטיק פון די היטלעראווצעס איז דער חוש פאר רעא־ליזם. די היטלעריסטען געבען זיך אפ א דין וחשבון דערפון, אז נישט אלע זייערע וואונשען וועלען קאנען פערווירק־ליכט ווערען.

דערנאך האט זיך היטלער געווענדעט געגען יענע מלוכה־מענער, וואס האבען אונטערגעשריבען דעם אונטערנאציאנא־לען אפמאך געגען בעוואוסטזיין, אז זיי־ער פאלק וועט נישט קאנען אויספיהרען די טראקטאט־פערפליכטונגען. וואס שייך דעם ווערטעל, אז „קעפ וועלען פאלען אויפ'ן זאמד", האט היטלער ערקלערט, אז די ראזונגע ווערטער זענען געווענדעט געגען יענע, וואס האבען מיט זייערע שוואכע כחות ערמעגליכט און מאגנעל פון פריינדען דערפיהרט דאס לאנד צו א רואין.

קירזשנער־אטעליר! צו מיינע ג. קונדשאפט! קירזשנער־אטעליר!

צום אנקומענדען סעזאן איז מיין קירזשנער־ווערקשטעל (עקזיסטירט זייט 1915) בעדייטענד פערגרעסערט, אויפ'ן פאסאן פון די נייעסטע אויסלענדישע קירזשנער־ווערקשטעלען

ערשטקלאסיגע פאר־קרעפטען!

דאמען־ און הערען־בעשטעלונגען, זעמטליכע רעפעראציעס און פארבען פון פעלץ־זאכען ווערען אויסגעפיהרט שנעל, טאדעללאז און פינקטליך. מיין לאנגיעהריגע פראקטיק און טעטיגקייט גאראנטירט אמבעסטען פאר די העכסטע בעפרידיגונג פון מיין ג. קונדשאפט. כ'רעכען אויך אויף ווייטער אויף דעם פולסטען צוטרוי פון דער ג. קונדשאפט.

מיט אכטונג מ. פישלעוויטש, פיעטריקאווער 20 טעל. 321-39

א הארציגען יישר כח און א גמר חתימה טובה דעם שול־אינהאבער

ה' ב. האמער, וואלבארניא 45

פאר זיין גוטע ערציהונג און פארבע־רייטונג מיין זוהן אין דער 2־טער קלאס יודישע גימנאזיום דריק איך איהם אויס מיין הארציגסטען דאנק

יעקב בלום, פיעטריקאווער 24.

Gelegenheitskauf.
Gut ca 800 Morgen b. Poznań ist mit leb. u. tot. Inventar an einen Polen sofort zu verkaufen bezahlung 130.000 Zl. Off. nur von ernstlichen Käufm. oder deren Vermittl. erb. in Gesch. ds. bl.

Dr. A. Uryson
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציאליסט: מאגען, קישקעס און לעבער־קראנקהייטען
11 Listopada (Konstantynowska) 20
נעמט אן פון 3—5 tel. 21585

Manicurzystka „Madzia" powróciła
ul. Zawadzka 23

Polisy „Equitable"

די פאליסען פון דער געז. „Equitable" וועלכע וועלען געמאלדען ווערען דער גע־זעלשאפט ביז'ן 6־טען נאוועמבער, וועלען געניסען פון בעסערע ליקווידאציאנס־בעדינגונגען. כ'נעם אן צו ערלעדיגען נייע פאליסען אויף גינסטיגע בעדינגונגען

נור ביז'ן 15 אקטאבער

Sz. Goldman, Wschodnia 36

פון 4 ביז 6 א זייגער נאכמיטאג.

א צימער

אפצוגעבען, עלעקטרישע צוויי יונגעלייט צו שלא־פען געזוכט. פאלודניאווא 11, אינוענשלאס, לינקע אפיצינע 3 שטאק

4679

ערשטקלאסיגער דאמען־שניידער

Kenigsberg

צוריקגעקומען פון פאריז

עמפעהלט די נייעסטע מאדעלען צום ווינטער־סעזאן

וואוינט יעצט

נארוטאוויטשא 5

א וואוינונג

פון 2 שטובען מיט א קיך אויף וואלבארסקא 26 פראנט 1־טער שטאק פון זאפארט איבערצוגעבען צו ערפאהרען ביי בערקענשטאדט, נאוואמיע־סקא נומ. 18

קלאנג־קינא־טעאטער

Casino

די לעצטע טעג!

א פילם, וואס יעדערער דארף זעהען.

„די ווייסע טאלו"

אינענדליכע און נעהיימניסוואלע ארקטישע רוימען, וואס דעקען אויף א טייל פון דער פארהאנג, אונטער וועלכען עס בעהאלטען זיך דאס הייסע פולסירענדע לעבען.

LEONORA ULRIC

געהט אדורך אלס „ווייסע טאלא" דאס גאנצע גיהנום, ענוים און ער־נידערונגען, כדי צום סוף אונ צוקו־מען ווערען ביים פוס פון די צער־שמעטערנדע אייז־בערג. אויסער פראגראם: טאנץ־אנסאמבל פון אנאטאל פרידלאנד ווי אויך אקטואליטעטען.

פאס־פארטו אויסער אפיציעלע און הנחה־בילעטן אונגילטיג ביזן אפרופן אנפאנג פון סעאנסן 4.30, 6, 8 און 10 אווענד. שבת און זונטאג פון 12—3 צו די ביליגסטע פרייזען.

קלאנג־פילם GRAND-KINO

היינט פרעמיערע! א זעלטען שעהן קונסטווערק פראכט פון אויסשטאטונג!

רעוויע פון האליוואוד

25 פוילישע און אמעריקאנישע שטערן, 15 מוזיקאלישע שלאגערס, 200 גירלס. אין די הויפט־ראלען:

Hanka Ordonówna, K. Hanusz, John Gilbert, N. Shearer, B. Keaten
Bessie Leve Karol Dane (Slim), C. Nagel, Jean Crawfod, Anita Page

אנהויב 4 א זייגער נאכמ. לעצטער סעאנס 10.15, שבת און זונטאג 12 א זייגער לעצטער 10.15. פרייטאג אויף די פריהמארגענס ערמעסיגט. עקסטראוואגאנטישע קרעאציע פון ביסטער קיטאן און א סך אנד.

...און דער יוד טוט זיך ס'זייניגע

פֿון ד"ר יהושע טהאָן

ווען מיר וואָלטן איצט נישט געהאַלטן ערשט נאָך די ימים-נוראים, נאָך די טעג, וואָס מאַכן אונז אַזוי ערנסט געשטימט, וואָלט דאָס קעפּעל פֿון דאָזיגן אַרטיקל געקאָנט דינען אַלס טיטל צו אַ זעהר פֿריילעכן, הומאָריסטישן פֿעליעטאָן. איך וואָלט אַזוי אַ שטייגער גענומען אונטער'ן פֿערגרעסער-גלאָז ראָמאַן דמאָווסקי'ס קונציגע רעגירונגס-קאָנסטרוקציע, ווי אַזוי ער ענטפּלעקט דאָס אַזוי מיסטעריעזע פֿון די געהיימניספֿולסטע און שטאַרק פֿערקאָנספּירירטע פּלענער פֿון יודישן פֿאָלק, צו פֿערכאַפּן די מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט פֿון די פֿינסטערע בּלאָטעס אויז ביז אָרינאָקאָ און נאָך ווייטער אַפֿילו. עס וואָלט זיך דאַן אַרויסגעוויזן, ווי דער דאָזיגער העלד דמאָווסקי פֿאַרטאַבלעוועט זיין — לאָמיר זאָגן — גע-ניאַלן מח אויף אַזעלכע צוועקן, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן די יודישע סודות אין דער צייט, ווען ער וואָלט איהם גע-קאָנט צו נוץ קומען אַלס אַקטיווער מלוכה-מאַן מיט אַן'אָדלער-שוואונג צו פֿיל נוצליכערע צוועקן פֿאַר דער מענשהייט. וואָלט ער כאָטש, לכל הפּחות אויסגעבאָרגט זיין גענימאַלן מח דער אַרי-מער ענגלישער אומפּעריע, וועלכע קעמפֿט איצט מיט אַזעלכע גרויסע שוועריגקייטן אויף דער גאַנצער ליניע פֿון דער טעמזע ביז איבער'ן נילוס אויש האָט ווייט אַרויף צום פּרת און נאָך ווייטער און נאָך טיפֿער, און קאָן זי בשום אופֿן נישט בייקומען. ראָמאַן דמאָווסקי וואָלט זיי אָבער זיכער יאָ געקאָנט גובר זיין, וואָרום ווער קען רעדן אין היינטיגן דור פֿון קאָרליקעם אַרומנעהמען אַזעלכע גרויסע געאָגראַפֿישע שטחים? ווער — פֿרעגן מיר — אַ חוץ דער געהיימער יודישער ראַט, וואָס איז אַזוי וואונדערליך פֿערקאָנספּירירט, און דער ענגלישער גאון? אָט מאַקע דער זעלבער ראָמאַן דמאָווסקי, דער מחבר פֿון די לעצטע אַרטיקלען וועגן יודען אין זיין וואַרשאַווער אָרגאַן, דער זעלבער שעפֿער, טעאָרעטיקער און לייטער פֿון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, און וועלכן מען האַלט אַלס קאָפּ פֿון אַנטיסעמיטישן אָרדען. פֿאַר'ן קאָפּ — און נישט פֿאַר עפּעס אַנדערש.

איך וויל אָבער ווירקליך רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. נישט וועגן דער אויסערגעוועהנליכער איבערגעשפּיצטקייט און ספּרוט, נאָר פֿערקעהרט: וועגן דער יודישער נאַאיוויטעט, וועגן דעם קינדערישן אָפּטימיזם פֿונ'ם יוד. די וועלט האָט אונז קיינמאָל נישט געהאַלטן פֿאַר נאַאיווע טרוימער, פֿאַר קינדערישע בעלי-חלומות. ווען איהר זאָלט אַזוי אַ שטייגער, אַרויסגעהן אויף דער גאַס און אַ פֿרעג טון דעם ערשטן בעסטן דורכגעהער: פֿאַרוואָס האַלטסטו, ברודערקע, דעם יוד? וועט ער גאַרנישט לאַנג קלערן און ענטפֿערן: אַ יוד — דאָס איז אַ שׂכלער בעל-חשבון. ער געהט שטענדיג מיט אַ בלײַ-פֿעדער און אַ כּפל-טאַבעלע אין דער האַנד, אַמאָל אויך מיט אַ רעכן-מאַשינקע (אַ חידוש, וואָס אַ נישט-יוד האָט ערפֿונדן דעם דאָזיגן נוצליכן אַפּאַראַט!). אַ יוד — וועט ער אייך זאָגן — רעכנט, ציילט און קריכט אויף דער ערד. איהם אינטערעסירן נאָר די אייגענע מאַטעריעלע ענינים און די פּיזישע אינטערעסן פֿון זיין ראַסע. אָבער די וועלט, די מענשהייט — ווי קומט דאָס צום יוד?

אַזוי טראַכט וועגן אונז אַ גרויסער טייל פֿון דער וועלט, דערגנטער אויך אַזעלכע מענשן, וועלכע שטעהען נישט דווקא אונטער דער השפּעה פֿון אַ ראָמאַן דמאָווסקי. און מיר חידוש'ן זיך שטאַרק אויף דער דאָזיגער מיספֿערשטענדניש. מיר בעהאַלטן דאָך נישט קיין שום זאַך פֿאַר קיינעם. אונזערע ביכער זענען דאָך אָפֿן און צוגענגליך פֿאַר יעדען, וואָס פֿערשטעהט נאָר זייער שפּראַך, און די דאָזיגע שפּראַך איז דאָך נישט אַזוי שווער זיך אויסצולערנען. אונזערע תּפֿילות און די הויפּט-דאָגמען פֿון דער יודישער אמונה האָבן מיר אַליין איבערגעזעצט כמעט אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. מיר לאָזן נישט אַראָפּ די פֿאָרהאַנגען, מיר פֿערשטעלן נישט אונזערע פֿענסטער — די וועלט קאָן אַריינקוקן אין אונזערע הייזער. די וועלט האָט אַלע מעגליכקייטן אונז קענען צו לערנען. זי נוצט דאָס אָבער נים אויס און זי וויל אונז בעסער — נישט פֿערשטעהן.

ווען מיר זענען געווען אין פּאַריז אויף דער פֿרידענס-קאָנפֿערענץ, האָבן מיר ווירקליך געהאַט — און דעם פּרט זאָגט מאַקע דמאָווסקי נישט קיין ליגן — אַ גרויסע השפּעה אויף די אַלע, וואָס האָבן געשפּילט די ערשטע פֿידעל. עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז דאָרט זענען געזעסן די וועניגע פֿאַר מענשן אויף דער וועלט, וואָס האָבן גרויסע סימפּאַטיעס צו יודען. עס איז גענוג בלויז אויסצורעכענען די נעמען פֿון לאָיד דזשאָרדזש און באַלפֿור פֿון ענגלאַנד. ווילסאָן מיט זיינע בעלי-יועצים פֿון אַמעריקא, עטליכע פֿאַרשטעהער פֿון פֿראַנקרייך, פֿון איטאַליען א.א.וו. ווען מיר וואָלטן זיך דעמאָלט געווען בעגרענעצט בלויז מיט אונזערע אייגענע ענינים און אינטערעסן, וואָלטן מיר זעהר פֿיל געוויננען. מיר האָבן אָבער אַזוי נישט געטון. אין איין געוויסן ענין האָט אונז אַפֿילו אַ געוויסע מלוכה פֿאָרגעלייגט אַ שטילע פֿערשטענדיגונג, אָבי מיר זאָלן זיך נישט אַזוי שטאַרק זאָרגן פֿאַר אַנדערע. מיר האָבן נישט אָנגענומען די דאָזיגע לאָקענדע אָפֿערטע. קיינער וועט נישט גלויבן, אַז מיר האָבן אַזוי געהאַנדעלט פֿון רייניקעם אידעאַליזם? געוויס וועט עס אונז קיינער נים גלויבן. די וועלט גלויבט דאָך אונז גאַרנישט, הגם זי קאָן האָבן אַליין פֿאַר די אויגן.

איז שוין דען נישט געקומען ענדליך די צייט, אַז מען זאָל דעם יודישן פֿאָלק ראַטן אַ ביסעלע מעהר לעבענס-חכמה און איהם זאָגן: דו ביזט שוין גענוג אַלט, און עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט אויפֿהערן זיך צו פֿערגנעהמען מיט אילוזיעס. שוין צייט די דאָזיגע זאַכן צו טראַקטירן רעאַל און נישט גלויבן בלינד יעדן איינעם דאָרט, וואו די גאַנצע ווירקליכקייט לייקענט און אונזערע טרוימען. זאָלן מיר אפשר אַזוי זאָגן?

לאָמיר אָנווייזן אויף דער יודישער ערפֿינדונג. וואָס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די רעכט פֿון די מינדערהייטן — האָבן מיר אַ סך גענאָסן דערפֿון! אָדער לאָמיר נעמען אַ צווייטע „יודישע ערפֿינדונג" — דעם פֿעלקער-בונד — אַ סך האָבן מיר פֿון איהם בעקומען? לעצטענס האָט ער אונז ווירקליך גענומען אין שוץ, אָבער אין פֿערגלייך, וואָס דער פֿעלקער-בונד האָט געטון פֿאַר אַנדערע, איז דאָך דאָס אַ נול. איז דען שוין מאַקע נישט צייט צו ווערן אַ ביסעל קלוגער?

איך בין זיך מודה, אַז ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט אין די הענד, וואָלט איך אַ ביסעל אויפֿגעשרויפֿט די יודישע מענטאַליטעט, וואָס מיר האָבן נאָך בירושה פֿון די נביאים און זיך געשטעלט אויפֿ'ן טרוקענעם רעאַליזם און אויף דעם „הייליגן עגאָאיזם", מיט וועלכן עס רוהמען זיך אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

מיר וועלן נאָך אָבער אָהן שום צווייפֿעל אַ לאַנגע צייט דורכלעבן די טראַגעדיע, אַז אונזערע „יודישע ערפֿינדונגען" וועלן אָנגענומען ווערן נישט אַזוי גערן, מיט שנאה און אָפֿט אויך מיט פֿעראַכטונג, אָבער מיר וועלן נים אויפֿהערן צו שאַפֿן די דאָזיגע ערפֿינדונגען. דער יוד וועט זיך ווייטער טון ס'זייניגע... אומפֿערבעסערליכע.

צי צוליב תּאוה צו מאַכט? גאַנץ זיכער, אַז נישט. קיין מאַכט האָבן מיר אייגענטליך קיינמאָל נישט געהאַט, און אַמווייניגסטן קאָנען מיר זי האָבן אין גלות.

מיר שטרעבן נישט צו דער מאַכט. מיר שטרעבן אָבער דערצו, אַז אַלץ, וואָס די נביאים האָבן אונז געזאָגט, זאָל מקוים און פֿערווירקליכט ווערן אין לעבן. דער יוד וועט שטענדיג טון ס'זייניגע!

—0§0—

לאָדזשער טאַגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פֿון 6 בּיז 7 אין אָווענד
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: „Ldzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפֿאָנען: רעדאַקציע 100-57, אַדמיניסטראַציע 100-47

אין דער פּאָליטישער וועלט

דאָס גרויסע גערודער אינ'ם קליינעם עסטרייך. — די ערקלערונג פֿון די צוויי נייע „היימוועהר". — מיניסטאָרן און זייערע באַלדיגע הכחשות. — עסטרייך פֿאַר אַ בּירגער-קריג

אין קליינעם עסטרייך האָט זיך איצט אויפֿגעהויבן אַ גרויס געדודער. די פֿאַשיסטישע היימוועהר-לייט אין עסטרייך האָבן זיך מתקנא געווען אין זייערע דייטשע נאַציאָנאַליסטישע חברים, און זיי וואַרפֿן זיך מיט דער גאַנצער קראַפֿט צו דער מאַכט.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז אין עסטרייך געשאַפֿן געוואָרן אַ נייע רעגירונג. אין דער דאָזיגער רעגירונג געהען אַריין צוויי מיניסטאָרן פֿון די „היימוועהר". איינער פֿון זיי האָט איבערגענומען די וויכטיגע טעקע פֿון אינערן-מיניסטעריום, און אָט האָבן די דאָזיגע צוויי מיניסטאָרן אונטערגעשריבן אַנ'-אויפֿרוף, אין וועלכן זיי זענען מודה פֿאַר גאַנץ עסטרייך, אַז זיי זענען אַריין אין דער רעגירונג נישט סתם אַזוי צוליב די שיינע בלויע וואַסערן פֿונ'ם דונאַי, נאָר צוצוגרייטן דעם באָדן פֿאַר דער היימוועהר איבערצונעמען די מאַכט, צי דער רעזולטאַט פֿון די וואַהלען וועט זיין גינסטיג פֿאַר זיי אָדער נישט גינסטיג. אַזאַ מין אָפֿענהערציגקייט פֿון מיניסטאָרן האָט מען נאָך ביז איצט נישט געזעהן. געוועהנליך האָבן אַפֿילו די פֿערביסענסטע רעאַקציאָנערע מיניסטאָרן שטענדיג און אומעטום פֿערזיכערט, אַז זיי זענען טרייע אַנהענגער פֿון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג און מיט געוואַלט וועלן זיי דעם סדר העולם נישט איבערמאַכן. די נייע יונגע היימוועהר-מיניסטאָרן האָבן אַ פּנים נאָכנישט דורכגעמאַכט דעם קורס אין דער דיפּלאָמאַטישער „שלייפֿעריי" און זייערע ערקלערונגען זענען דעריבער אַרויסגעקומען אַזוי רויה און נישט אַרומגעהובעלט.

אין עסטרייך איז, פֿערשטעהט זיך, געוואָרן אַ געוואַלדיגער רעש צוליב דער דאָזיגער ערקלערונג. דאָס רויטע ווין, און ווין איז נאָך גענוג שטאַרק רויט, איז אויפֿגעקאָכט געוואָרן פֿון דעם דאָזיגן אָפֿענעם ציניזם און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פֿון פּראָטעסטען און דאָרט זענען די פּראָטעסטן נישט קיין פּאַפּירענע. די בעוואָפֿענטע קאַמפּס-גרופּען פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זענען נאָך אַ גענוגענדער כּח אין לאַנד, אַז מען זאָל זיך שוין בכלל נישט דאַרפֿן רעכענען מיט זיי. די צוויי מיניסטאָרן פֿון דער היימוועהר האָבן דעריבער באַלד געמוזט אַרויסגעבן ערקלערונגען צו זייער אויפֿרוף, אַז מען האָט זיי נים גוט פֿערשטאַנען, אַז זיי האָבן גאַרנישט אַזוי שלעכט געמיינט, ווי מען וויל זיי איינרעדן.

די ערקלערונג איז שוין מאַקע דיפּלאָמאַטיש און געשליפֿן, ווי עס פּאַסט פֿאַר מיניסטאָרן פֿון אַ ציוויליזירטער מלוכה, אָבער דער עצם נישט-דיפּלאָמאַטישער פֿאַקט פֿונ'ם אויפֿרוף ווערט דערמיט גאַרנישט שוואַכער, און די אויפֿרעגונג האַלט אין איין וואַקסן.

מען קאָן זיך דעריבער ריכטן, אַז אין דער גאָר נאָהענטסטער צייט וועט עסטרייך איבערלעבן גאַנץ ערנסטע מאָמענטן. די אינגעריכטע סיטואַציע איז דאָרט אָנגעזאַפּט מיט פּולווער און אַ ליאַדע מינוט קאָן אויסברעכן אַ פֿערמעסטונג פֿון די כּחות, אַ פֿערמעסטונג, וואָס ווערט שוין מעהר פֿון 2 יאָהר אָפּגעלייגט אויף אַלץ שפּעטערדיגע צייטן.

שוין אַ פּאָר מאָל האָט עס אין משך פֿון דער אַנגעוויזענער צייט געהאַלטן ביי אַנ'אויסברוך פֿון אַנ'אָפֿענעם בּירגער-קריג. אַ פּאָר מאָל זענען שוין בּיידע מחנות געשטאַנען איינע קעגן צווייטן בעוואָפֿענט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. די פֿריהערדיגע רעגירונגען האָבן אָבער שטענדיג בעוויזן אין דער לעצטער מינוט איינצושטילן דאָס פֿייער און אָפּצוקיהלען די צוהיצטע געמיטער. פֿון בּירגער-קריג האָבן זיך בלויז אויסגעלאָזט מאַסן-מאַניפֿעסטאַציעס, וואו ביידע לאַגערן האָבן דעמאָנסטרירט די כּחות, און אָט די דאָזיגע דעמאָנסטראַציעס זענען געווען אַנ'אזהרה: מיידט אויס דעם בּירגער-קריג, וואָרום ער וועט זיין בלוטיג און פֿאַטאַל פֿאַר דער קליינער פֿעראָרימטער מלוכה.

די איצטיגע נישט-קלוגע מיניסטאָרן האָבן אָבער מיט זייערע ערקלערונגען דערנעהנטערט די שׂרפֿה, וואָס וועט אַ ליאַדע מינוט אויסברעכן ביי די ברעגען פֿון דונאַי.

דאָס קליינע עסטרייך לעבט איבער אַ זעהר שווערע און ערנסטע מאָמענטן.

ב. ז-ה.

די קאַרטעל-פֿראַגע

די נויטיגע רעפֿאָרמען, וואָס מ'מוז וואָס גיכער דורכפֿיהרן

פֿון אינזש. א. רוסאַק

אין דער לעצטער צייט זענען די ווירטשאַפֿטליכע פֿאַקטאָרן אויפֿגערודערט געוואָרן צוליב דער פּרייזן-עליה אויף איינגע אַרטיקלען, וועלכע זענען קאַרטעליזירט געוואָרן. בפֿרט שטעלט זיך פֿאָר שווער, פֿונ'ם שטאַנדפּונקט פֿון עקאָנאָמישער גאַנצקייט דאָס וואָס עס טוט זיך איצט אין לאָדז מיט דעם גאַרן-קאַרטעל.

דער ווירטשאַפֿטליכער קריזיס, וואָס מיר לעבן איצט איבער, ווערט אין אַ געוויסער מאָס פֿעראורזאַכט דערדורך, וואָס צווישן די לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָדוקטן און די אינדוסטריע-אַרטיקלען איז פֿאַראַן אַ גרעסערע, אָדער קלענערע פּרייז-דיפֿערענץ. וואָס קלענער די דיפֿערענץ צווישן די צוויי סאָרטן פֿון פּראָדוקטן וועט זיין, אַלץ בּילדער און שוואַכער וועט דורכגעהן דער קריזיס-פּראָצעס.

די סאַמע אַלע ווירטשאַפֿט איז, אַ ז'אָג, פֿולשטענדיג פֿעראינטערעסירט אין דעם, אַז די דיפֿערענץ פֿון לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע פּראָדוקטן זאָל זיין ווי נאָר מעגליך קלענער.

ווי רעאַגירט אָבער אַ קאַרטעל-אָרגאַניזאַציע אין דער איצטיגער קריטישער צייט און ווי פֿיהרט זיך אויף בפֿרט דער לאָדזער גאַרן-קאַרטעל אויפֿ'ן לאָדזער טעקסטיל-מאַרק?..

ער רעאַגירט אויף דעם קריזיס נישט דורך פֿערקלענערן די פּרייזן, נאָר פֿערקעהרט, ער פֿערקלענערט די פּראָדוקציע און רעדוצירט, זעלבסטפֿערשטענדליך, דערמיט די אַרבייטער פּרנסה-מעגליכקייטן פֿון די אַרבייטער.

די קאַרטעל-טאַקטיק שטעהט, אַלזאָ, אין פֿולן געגנזאַץ צו די ראַציאָנעלע אינטערעסן פֿון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפֿט. דער קאַרטעל פֿעראורזאַכט אַ פֿערטייערונג פֿון פּראָדוקטן. זיין פּאָליטיק ברענגט דערצו, אַז די גאַנצע לאַסט פֿון שווערן קריזיס פֿאַלט אויף דער לאַנדווירטשאַפֿט און אויף דער נישט קאַרטעליזירטער אינדוסטריע.

שטעלט זיך די פֿראַגע: אויב אַזעלכע בעדינגונגען קענען געדולדעט ווערן אין אַנ'אָרגאַניזירטער מדינה, אויב אַ רעגירונג קען זיך רוהיג צוקוקן ווי אַ גרופּע קאַרטעל-מאַגנאַטן שאַרן צוזאַמען זייערע קאַפּיטאַלן אונטערן תּירוץ כלומרשט פֿון פּראָדוקציע רעגולירונג, און ברענגען דערמיט אַ רעה דער אַלגעמיינער ווירטשאַפֿט, ווי אויך דער מדינה, אַלס גאַנצעס, צי איז מאַקע די מאָדערניזירונג פֿון דער קאַרטעל-געזעצגעבונג אַנ'ענין, וועלכער איז אַקטועל אין אינדוסטריעלע מדינות, מיט אַנ'ענטשפּרעכענד ענטוויקעלטן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, ווייל מען פֿערשטעהט דאָך, אַז די קאַרטעליזירטע אָרגאַניזאַציעס, האָבנדיג אין זייערע הענט עקאָנאָמיש-קאָרפּאָראַטיווע צוועקן, קענען אָהן דער אַלגעמיינער קאָנטראָלע, ברענגען אַ גרויסן שאָדן דער נאַציאָנאַלן ווירטשאַפֿט.

ווען דאָס איז מעגליך אין מעהר ענטוויקעלטע ווירטשאַפֿטליכע אָרגאַניזמען, מוז עס אין אונזערער ווירטשאַפֿט געוויס פֿיל שאַרפֿער אויסזעהן. דער קאַרטעל-ענין איז אין פּוילן געזעצגעבעריש גאַרנישט רעגולירט. מיר בעזיצן אין פּוילן פֿערעלטערטע פֿעראָרדנונגען, ווי צ. ב. דאָס קאָאַליציאָנס-געזעץ פֿון 1870 יאָהר פֿון געוו. עסטרייכישן געביט, אָדער די געוויסע רוסישע שטראָף-געזעצן, וועלכע בעציהען זיך איינגאַנצן נאַאיוו צו דער קאַרטעל-פֿראַגע. אָט די פֿעראָרדנונגען קענען דאָך בשום אופֿן נישט בעטראַכט ווערן אַלס קאַמף-אינסטרומענט געגען דעם קאַרטעל-אָרגאַניזם. די קאַרטעל-פּאָליטיק איז שטענדיג שווערער און שטענדיג מעהר פֿעראַנטוואָרטליך און אונזער געזעצגעבונג האָט נאָך נישט אויף דעם געביט געשאַפֿן דאָס נויטיגע.

די קאַרטעלען בילדן זיך דערווייל אַלץ מעהר און מעהר און אָרגאַניזירן זיך מיט אַלץ אַ גרעסערער אָפּענסיווע.

ביי דער דאָזיגער מעכטיגער שנעלער אָרגאַניזאַציע, דראָהט אונזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט אַ גרויסע סכּנה — זי בלייבט פֿולשטענדיג הילפֿלאָז און דאָס איז עלול אַרויסצורופֿן אַ פֿולשטענדיגע דעמאָראַליזאַציע אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיק. (אַ קליין בּילד פֿון אַ עקאָנאָמישן ווירוואַר האָט אונז שוין דער לאָדזער גאַרן-קאַרטעל געוויזן).

עס איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די נייע פֿעראָרדנונגען אין דייטשלאַנד, וועלכע זענען דאָרט אויסגעאַרבייט אום מעהר-וועניג צו רעגולירן דעם דאָזיגן ענין. איך וועל זיך בעמיהען דערפֿון צו ציהען איינציגע קאָנסעקווענצן.

דעם 26 יולי 1930 האָט זיך בעוויזן אין דייטשלאַנד אַ דעקרעט פֿון מלוכה-פּרעזידענט בנוגע דער „פֿערהיטונג און ווירטשאַפֿטליכע פּרייז בינדונגען". די דאָזיגע פֿעראָרדנונג גיט ברייטע פֿולמאַכטן דער רעגירונג, וועלכע האָט דאָס רעכט צו אינטערווענירן דאַן, ווען די קאַרטעל-אָרגאַניזאַציע געהט איבער צו שעדליכע קאַמף-מעטאָדן. די פֿעראָרדנונג זעהט פֿאָר, אַז 1) די רעגירונג האָט דאָס רעכט אויפֿצולעזן דעם קאַרטעל און צו סקאַסירן די קאַרטעל-בעשלוסן;

2) צו סקאַסירן די בּאָיקאָט-בעשלוסן;

3) דער מיניסטער פֿון רייכס-ווירטשאַפֿט (ביי אונז דער מיניסטער פֿון האַנדעל און אינדוסטריע) האָט דאָס רעכט צו ערלויבן איינציגע קאַרטעל-מיטגלידער נישט צו ערפֿילן די קאַרטעל-בעשלוסן;

4) די רעגירונג איז בעפֿולמעכטיגט צו רעדוצירן אָדער צו סקאַסירן דעם צאָל-טאַריף אין פֿאַל, ווען צוליב דער קאַרטעל-טאַקטיק ווערט געשעדיגט די נויטיגע פֿריהייט אויפֿ'ן מאַרק.

מיר זעהען, אַלזאָ, אַז דאָס נייע געזעץ גיט די מעגליכקייט דער רייכס-רעגירונג אַרויסצוטרעטן און קאַמף דעמאָלט, ווען דער קאַרטעל בעקומט אַ צו גרויסן עגאָאיסטיש-מאַטעריעלען אַפּעטיט. און פֿיל לענדער האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די נויטווענדיגקייט זיך ענערגיש ענטגעגנצושטעלן די קאַרטעל-פֿעראָרדנונגען און מען וועט פֿערשטעהן, אַז דאָס דערמאָנטע געזעץ וועט נישט בלייבן נאָר אויפֿ'ן פּאַפּיר.

ביי אונז אין פּוילן איז די נאָרמאַליזירונג פֿון דער קאַרטעל-אָרגאַניזאַציע און הויפּטזעכליך די מעגליכקייט צו רעאַגירן אויף דער שעדליכער טאַקטיק פֿונ'ם קאַרטעל, פֿונ'ם שטאַנדפּונקט פֿון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפֿט — פֿאַר דער רעגירונג פּשוט אַ לעבענס-פֿראַגע.

די קאַרטעלען בילדן זיך אַלץ מעהר — דער ווירטשאַפֿטליכער אָרגאַניזם איז אין פּוילן פֿיל שוואַכער, ווי, למשל, אין דייטשלאַנד, ווייל אַ גרויסער טייל בעשעפֿטיגט זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט. די קאַרטעל-אינציאַטאָרען און מאַגנאַטן אַרגומענטירן זעהר אָפֿט מיט ווירטשאַפֿטליכן ליבעראַליזם און ווייזן אָן, אַז ביי אַ פֿרייער קאָנקורענץ ענטוויקעלט זיך בעסטער די ווירטשאַפֿט.

אָבער די דאָזיגע אַרט אַרגומענטאַציע מצד די קאַרטעל-אָנהענגער איז אַ גאַנץ נאַאיווע און גלייכצייטיג אַ יעזואיטישע.

אין גרונד גענומען האָבן דאָך די קאַרטעלען מיט דעם ווירטשאַפֿטליכן ליבעראַליזם נישט קיין שום געמיינזאַמעס; די גאַנצע אויפֿפֿיהרונג און די גאַנצע האַנדלונג פֿון די קאַרטעל-לייטער'ס איז דאָך געצילט — אַלץ מעהר צו בעגרעניצן דעם קאַרטעל-פּראָדוצענט. דער קאַרטעל מאַכט דאָך פֿון זיין מיטגליד אַנ'אַרט אויטאָמאַט, וועלכער האָט צו ערפֿילן די בעפֿעהלען פֿון זיינע אָנפֿיהרער — און נים מעהר. די פֿרייע קאָנקורענץ, וועלכע שפּילט אין דער פּראָדוקציע אַזאַ שעפֿערישע ראָלע, ווערט דאָך דורך דער קאַרטעל-אָרגאַניזאַציע פֿולשטענדיג אָפּגעשאַפֿט און דערמיט ווערט אויך, זעלבסטפֿערשטענדליך, צונישט געמאַכט דער ווירטשאַפֿטליכער ליבעראַליזם. דער ליבעראַליזם אין דער שפּראַך פֿונ'ם קאַרטעל איז נאָר אַ גרויסע מיספֿערשטענדניש.

ביי אונז אין פּוילן האָבן מיר דער עיקר צו טון מיט אַ גאַנץ פּאַראַדאָקסאַלער ערשיינונג. פּוילן, וואָס איז אַ לאַנד פֿון יונגען קאַפּיטאַליזם, פֿון אַ קליינעם בעשטענדיגן קאַפּיטאַל, ווערט אַ לאַנד פֿון אַ שטאַרקער קאַרטעליזאַציע און שטייט אין דער הינזיכט אַריבער פֿיל אינדוסטריאַליזאַציע לענדער.

מען קאָן דאָס ערקלעהרן דורך פֿאָלגענדע אומשטענדן: א) דער הויכער צאָל-שוץ, ב) די אַלגעמיינע פּאָליטיק פֿון קאָנטינגענטן און פֿערבאָטן, פּריווילעגיעס און רעגלאַמענטאַציעס, וועלכע העלפֿן מיט צו אַ קאַרטעליזאַציע, ג) קליינע צאָהל פֿון פּראָדוצענטן, וועלכע פֿעראורזאַכט אַ לייכטערע פֿערשטענדיגונג, ד) מאַנגעל פֿון אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל, וואָס בעשטעהרט די נייע קאָנקורענטן און ה) דער רויה-שטאָף-כאַראַקטער פֿון אונזערער אינדוסטריע.

איך גלויב, אַז דאָס וועט האַמעווען אין אַ גרויסער מאָס די נעהערגע ענטוויקלונג פֿון אונזער אינדוסטריע. מען טאָר אויך נישט פֿערגעסן, אַז אין די קאַרטעל-אָרגאַניזאַציעס שפּילט גאָרנישט קיין קליינע ראָלע דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל. ווייל אונזער היימישער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך על פּי רוב אין דער נישט-קאַרטעליזירטער פּראָדוקציע.

די ענטוויקלונג פֿון די קאַרטעלען האָט אָנגענומען אין פּוילן אַ גאַנץ אומאָרגאַנישן כאַראַקטער; די דאָזיגע ענטוויקלונג איז ביי אונז פֿאַר דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט אַ שעדליכע ערשיינונג. דאָס אָרגאַניזירן זיך פֿון קאַרטעלען איז אַ בעגלייט-ערשיינונג פֿון דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס ענטוויקעלט זיך. מען מוז אָבער געדענקען, אַז די קאַרטעלען, אַלס די קינדער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע טאָרן נישט פֿערשלינגען די גאַנצע ווירטשאַפֿט. מען מוז דעריבער אַביסעל האַמעווען זייער ענטוויקלונג. דאָס קאָן געשעהן נאָך דורך אַנ'ענטשפּרעכענדער געזעצגעבונג. די געזעצגעבונג מוז דערצו שטרעבן, אַז די קאַרטעל-ווירטשאַפֿט זאָל נישט האָבן קיין געהיימנישן, זי מוז זיין אָפֿן, די רעגירונג זאָל האָבן אַ קאָנטראָל איבער אָט דעם טייל פֿון אונזער ווירטשאַפֿט, די רעגירונג זאָל קענען אַרויסטרעטן אויך מיט רעפּרעסיעס אויפֿ'ן פֿאַל, ווען דער קאַרטעל מיסברויכט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען זיינע, און שליסליך זאָלן [illegible] קענען אויף אַ פּריוואַטן עפֿענטליכן וועג אַרויסטרעטן געגען דעם קאַרטעל.

אָט די פּאָסטולאַטן זענען אַ לעבענס-נויטווענדיגקייט פֿאַר דעם ווירטשאַפֿטליכן לעבן אונזערן.

די איצטיגע רעגירונג בעזיצט גענוג קראַפֿט, אום די סאַנירונג און ווירטשאַפֿטליכן לעבן אַדורכצופֿיהרן. די רעגירונג קאָן דאָס דורכפֿיהרן דורך אַ דעקרעט-וועג פֿון רעפּובליק-פּרעזידענט.

עס איז צו ווינשן, אַז די רעגירונג וועט ווי אַמשנעלסטן צוטרעטן לייזן די דאָזיגע פֿראַגע. אַ גוטער שריט איז דאָפּעלט גוט, ווען מען מאַכט איהם אין דער ריכטיגער צייט!

—:0:—

ערשטער קלאַנג-קינאָ-טעאַטער אין לאָדז

SPLENDID

לעצטע טעג!!

צווייטער שלאַגער פֿון אונזער סעזאָן ערשטע אייראָפּעאישע קלאַנג-אָפּערעטקע פֿון פֿילם-פֿאַבריק „אופֿא"

„דער וואַלץ פֿון ליבע"

אַנטייל נעהמען דאָס אונפֿערגלייכליכע ליבעס-פּאָר Liliana Harwey וועלכער וועט צום ערשטען מאָל רעדען צו אונז פֿון עקראַן, Willi Fritsch דער ליבלינג פֿון פּובליקום ווי אויך די בעוואוסטע אָפּערעטען-קרעפֿטען די אונפֿערגלייכליכע

Georg Aleksander — Hans Junkerman

רייכע אויסשטאַטונג — שאַמפּאַניער הומאָר — שלאַגער-לידלעך

צווישען אַנדערע וועט אויסגעפֿיהרט ווערען די לעצטע שלאַגערס: 1) דער וואַלץ פֿון ליבע וועט געזונגען און געטאַנץ ווערען דורך Liliana Harwey און Willi Fritsch 2) „דו ביסט דאָס זיסטע מיידעל" געזונגען דורך געאָרג אַלעקסאַנדער און ווילי פֿריטש, 3) „באָבי-גאַלאָפּ" לעצטער אַמעריקאַנער שלאַגער אויסגעפֿיהרט דורכ'ן גאַנצען אַנסאַמבל, 4) פֿריילעכער פֿאָקס-טראָט - געטאַנצט דורכ'ן באַלעט מיט'ן אַנטייל פֿון ליליאַנאַ האַרווי און ווילי פֿריטש. חוץ דעם פּוילישע לידלעך אין דער אויספֿיהרונג פֿון וואַרשאָווער ליבלינג Hanusza

אָנהויב היינט 6, 8 און 10 אָוו. מאָרגען און איבערמאָרגן 4, 6, 8 און 10 אָוו.

פּאַספּאַרטו און הנחה-בילעטען אונגילטיג ביז צום אָפּרופֿען.

פּרייזען אויף אַלע סעאַנסען 1, 2, 3 זל.

די סוכה און דער אתרוג

פון **א. ש. זאקס**

א פאלק קען מען דערקענען לויט זיי-נע ימים-טובים. און דעם יום-טוב אנט-פלעקט זיך די נשמה יתירה פון אײנציגנע מענשען, פון גאנצען פאלק און די די נעוועהנליכע וואכעדיגע טעג איז דער מענש פערהאוועט און פער-שמא'עט. די דאגות היינט בעדעקען דעם פנים מיט א שווארצען שלייער. דעם אינוועניגסטער מענש זעהט זיך נישט ארויס. אין א יום טוב ווארפט דער מענש אראפ פון זיך נישט נאר די אר-בייטס קליידער, נאר אויך די וואכעדי-גע זארג, און מען קאן דעמאלט ארײנ-קוקען אין זיין אינערליכער וועלט, אין דעם פינטעלע מענש, וואס קאן פער-גליכען ווערען צו א קנייל, פון וואנען עס ציהען זיך און וויקלען זיך פונאנ-דער די פערשידענע גײסטיגע פעדים.

וויל מען וויסען דעם מהות פון א פאלק, זיינע לעבענס שטייגער, זיינע פרייהען און לײדען, זיין שטרעבען, זיינע האפנונגען און אידעאלען, זאל מען איהם זעהען אין זיינע ימים טובים.

א יום טוב! איז אנטווערטער א מאנג-[illegible] צו א גרויסער שעהנער פייערונג, וואס האט געהאט א וויכטיגע בעדייטונג פאר'ן לעבען פון פאלק און דער פער-גאנגענהייט, אדער אנ'אפשפיגלונג פון זיין לעבען און דער געגענווארט.

די יודישע ימים-טובים, די שלש-רגלים, זענען בײדע אינגאנצעם. אין זיי דערצעהלען זיי אונז א שעהן, א גרויס קאפיטעל געשיכטע פון יודי-שען עבר, פון דער צווייטער זייט שפּיג-לען זיי אין זיך אפ די נעגענווערטיגע איבנים פון לעבען, די פארמען, ווי אזוי עס קריסטאליזירט דאס לעבען הײנט-צו-טאג.

בסכת תשבו שבעת ימים.. למען ידעו דורותכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים (און בײדלאך זאלט איהר ווצען זיבען טעג.. מען זאל וויסען, אז אין בײד-לאך זענען די קינדער ישראל געזעסען, ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון מצרים), א זכרון, אנ'אנדענק פאר דער פערגאנגענהייט. דאס איז איין אויפ-גאבע פון סכות. די צווייטע אויפגאבע איז געווען פערבונדען מיט דעם לעבענס שטייגער, וועלכען יודען האבען געפיהרט אין ארץ ישראל.

באספכם את תבואת הארץ תחגו... שבעת ימים (ווען איהר וועט אראפנע-מען די תבואות זאלט איהר יום-טוב'ן זיבען טעג).

יודען זענען אין ארץ ישראל געווען ערד-ארבייטער. זיי האבען געצויגען זיי-ער היינת דירעקט פון דער ערד. זייער עקזיסטענץ איז געווען אפהענגיג פון די נאטור-קאפריזען. ווינטען און זונ-שיין, רעגען און טוי זענען געווען די קרעפטען, וועלכע האבען געבראכט גליק און אומגליק. איז די נאטור גע-ווען גוט, האבען איהרע קרעפטען גע-ווירקט אין צייט און אין מאס, האט מען גענומען א מזל-ברכה אין דער אר-בייט און מען האט געדאנקט און גע-לויבט דעם רבונו של עולם. איז זי גע-ווען שלעכט, האט זיך די מוטער ערד פער'עקשנ'ט און איז נישט געווען נאכ-געביג צו די מענשען-קינדער, האט מען געוויינט און געקלאגט.

די גליקליכסטע צייט פון יאהר איז געווען דעמאלט, ווען מען האט ארײנ-גענומען די תבואות פון די פעל-דער, ווען מען האט שוין געהאט די לעבענסמיטלען אויפ'ן גאנצען יאהר אונטער'ן דאך, ווען מען איז געווען זי-כער, אז אויף א געוויסער צייט איז מען פערזארגט מיט חיונה און די נאטור קרעפטען וועלען נישט קענען אזוי גע-וועלטיגען מיט'ן לעבען און געזונט פון די מענשען.

און אזעלכע טעג איז פרעהליך אויפ'ן הארצען. מען פיהלט זיך פרײ און מ'מאכט יום-טוב. אלע פעלקער, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט לאנד-אר-בייט, האבען נאכ'ן שניט געמאכט א יום-טוב. מען האט געטאנצט און גע-זונגען און זיך משמח געווען אונטער'ן פרייען הימעל.

סוכות איז דער חג האסיף, ער איז דער פרעהליכסטער יום טוב פון זיכער-קייט, ווען מען פיהלט זיך בעפרײט און אומאפהענגיג פון דער נאטור'ס בייזען ווילען.

אלס א נאטור יום-טוב, וואס איז פער-בונדען מיט דעם ארונטערנעמען די תבואות פון די פעלדער און די פרות פון די גערטנער, ווערט סוכות געפײ-ערט מיט די שעהנסטע פלאנצונגען פון דעם לאנד, וואו מיר האבען אמאל גע-לעבט און געארבייט.

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל ושמחתם לפני ד' אלהיכם.

א מהודר'דיגער אתרוג, א גרינער לולב (א פאלמען-צווייג), הדסים (מירטען) — אלץ שעהנע, יונגע, געזונטע פלאנ-צען, פון וועלכע עס שפּריצט פרישקייט, נאטירליכקייט, יוגענט און לעבען.

די נאטירליכקייט פון לעבען פא-דערט, אז איהר יום-טוב זאל ווערען געפייערט מיט די מתנות פון דער נא-טור.

דער אתרוג-בוקעט איז פערבונדען מיט דער צייט, ווען יעטווידער יוד איז זיך געזעסען רוהיג „אונטער זיין ווייני-שטאק און אונטער זיין פייגענבוים". די סוכה — מיט דער צייט, ווען דער יוד איז געווען א וואנדערער, א נע-ונד'ניק, אהן א היים. דער אתרוג איז א אנדענק פון אמאליגען רוהיגען, זיכע-רען נאטור לעבען. די סוכה — פון דער אומזיכערקייט, פון דער אומרו-היגקייט, פון דער אומנאטירליכקייט.

* * *

די סוכה איז די אמת'ע דירה פון דעם גלות-יודען, וואס ווערט געטרי-בען און געיאגט און ווייסט קיינמאל נים, וואו ער וועט זיין מארגען און נאך וויי-טער, וואוהין ער וועט מגולגל ווערען איבערמארגען.

אונזערע טאטעס און זיידעס פלעגען מיט גרויס חשק ארייננשטעלען די סלי-פעס, צופאסען די ברעטלעך און ארײנ-שלאגען די טשוועקעס פאר די זיבען טע-גיגע „דירות", וואו עס מוז זיין מעהר שאטען, ווי ליכט.

די ווענט פון דער דירה פלעגען נישט זיין אזוי געראטען; דער ווינט פלעגט בלאזען פון אלע זייטען, דער סכך'ינער דאך פלעגט פארשטעלען די זון, אבער דער יוד האט זיך אין איהר געפיהלט גאנץ יום-טוב'דיג. וואס געהט עס איהם אן, וואס אין איהר איז פארהאן מעהר שאטען, ווי ליכט? איז דען זיין גאנץ לעבען נישט פערוואלקענט און פער-כמארעט אהן ליכט און אהן זון ווי שיין? דורך די ווענט פון דער סוכה דרינגט ארײן דער ווינט מיט א פייפעריי און שפאציערט זיך ארום פראנק און פרײ. גוט! אזוי בעדארף זיין א דירה, וואס סימבאליזירט מיט זיך די יודישע גע-שיכטע. דער ווינט פייפט, דער דלות פייפט! און דער פרומער יוד פייפט אויף זיי ביידען, ער פייפט אויפ'ן ווינט און ער פייפט אויפ'ן דלות. און אויב דער דלות איז אזוי חצפה'דיג און וויל נישט אפטרעטען, איז אויך קיין סכנה נישט. דער יוד גיט זיך אנ'עצה. ער נעמט דעם דלות פאר'ן האנט און געהט מיט איהם א רקוד'ל. עס איז הוליע קבצן...

סוכות פאלט אויס אין הערבסט ווען די נאטור איז געוועהנליך אנגעבלאזען פער'ברוגז'ט, דער הימעל — אומפריינד-ליך, גרוי, די ערד — בלאָטיג, צעקרא-כען. אבער נישט געקוקט אויף דעם איז סוכות בײ דעם יודען די פרײליכ-סטע וואך פון יאהר, דער זמן שמחתנו. שעהנע, ליכטיגע טעג, גוטע, בעקוועמע דירות מיט יודישע שמחות זענען נישט קיין פאר בגדים. זיי זענען נישט צוגע-פאסט אײנע צו די אנדערע. ארעמקייט, דחקות, קבצנות — אט וואו דער יוד פיהלט, אז ער לעבט.

עס איז אין דער ליטעראטור נישט אײנמאל אנגעוויזען געווארען, ווי אזוי די פרעהליכסטע יודישע נגונים קענען זיך נישט באגעהן אהן אנ' אוי, אהן א זיפץ און אהן א קרעכץ. יודישע דו-ליאנקעס און לוסטיגע, ווארעמע הרהור'דיגע הייזער שניקט זיך עפעס נישט. געהט מאכע דער יוד מיט גרויס חשק אין דעם זמן שמחתנו, און דער יוט פון הדוה, אוועק אין א סוכה, ווייל זי געפינט זיך אין הארמאניע מיט זיי-נע אמאליגע און אצטיגע לעבענס בעדי-נגונגען.

דער יוד איז אנ'עקשן און ווערט נישט מיטגעריסען פון די שטימונגען, וועלכע הערשען ארום איהם. ער לעבט זיך מיט זיינע אײגענעם, אינערליכען לע-בען, וואס איז גאנץ אפט דער היפך פון דער דרויסענדיגער וועלט. ער זינגט, ווען אלע ארום איהם לאכען, און לאכט, ווען אלע ארום איהם ווײנען. די אינע-ווייניגסטע וועלט, אט די וועלט, וואס געפינט זיך אין די טיפסטע טיפעני-שען פון זיין נשמה, פון זיין גייסטיגען אויר, איז בײ דעם יודען שטארק ארומ-געצוימט און בעשיצט קעגען די אויס-ערליכע כחות. און דוקא אין די פער-כמורעטע, לאנגווייליגע, גרויע אסיען טעג איז איהם פרעהליך אויפ'ן הארצען. ווען אלע בראדיען און זינקען אין די בלא-טעס, דרייבט זיך איהם די פיס צו גע-הען א קאראהאד, און די קאלטע, נאסע וועטערן פראוועט ער שמחת בית השוא-בה.

* * *

מיט נישט קיין קלענערען פערגעני-גען צו בויען די סוכה, געהט דער יוד „קלייבען אנ'אתרוג".

דעם זונטאג פאר די ערשטע סליחות פלעגט זיך אין שטעטעל בעווייזען דער יעהרליכער גאסט, דער אתרוגים-סוחר, אדער דער „אתרוגים-יוד".

אז איהר האט געזעהן אין דעם טאג א געזעמעל יודען פון די „פני", וואס מען האט געפיהרט א שמועס, א האלב סוחר'שען און א האלב לומדות'ן, האט איהר געמעגט זיין זיכער, אז דאס דים-קוטירט מען וועגען דעם קעסטעל את-רוגים, נישט קיין קארפירער (פון קורפו) חלילה, וואס זענען באיקאטירט זינט דער צייט, ווען דארט איז פאר-געקומען א פאגראם, נאר ריינע ארץ-ישראל'דיגע אתרוגים.

אז מען פלעגט געהן קלייבען אנ'-אתרוג פלעגט מען נישט נאר וואשען, נאר שײערען די הענט. דערבײ פלעגט מען מיטנעמען א רײנע פאטשײלע, מיט וועלכער מען פלעגט ווישען די שפאק-לען, מען זאל קלערער קאנען אנזעהען די פערשידענע שפרינקעלעך און די גאנצקייט פון דער הויט.

דער אתרוג — דארף מען נישט פער-געסען — טאר נישט האבען קיין אײן שפעלטעלע, אפילו נישט די גרויס פון א שפילקע-קעפעל.

פארטיג מיט'ן אתרוג, דארף מען זיך גענומען א לולב, וואס דארף זיין יונג, פריש, גרין, זאפטיג און גאנץ (א שלם). אויב די צוויי צענטראלע בלעטער פון לולב זענען נישט צוזאמענגעוואקסען און טיילען זיך אפ אײנע פון די אנדערע, איז דער לולב פסול.

די הדסים, פון דער מירטען פאמיליע, מוזען זיין דריי בלעטערדיג (תלתא) און די בלעטלעך מוזען ארויסוואקסען פון אײן נעסט. אפילו די ערבות, דער וואַ-כעדיגסטער און בוליגסטער טייל פון אתרוג געשטעל בעדארפען זיין פרישע נישט פערוועלקטע.

מיט גרויס נחת קוקט דער היימי-שער יוד אויף זיין אתרוג דעם מהודר, אויף דעם גרינעם לולב און אויף די שעהנע הדסים. ער האט פון זיי הנאה, נישט נאר ווייל עס איז א מציאה, נאר ווייל זיין עסטעטישער חוש נויטיגט זיך אין א געוויסער בעפרידיגונג.

נישט בילדער, נישט געשניצטע און געפיינטעטע סטאטועטען, וואס קומען פון מענשליכע הענט, נאר שעהנע נאטור שא-פונגען שטעלען איהם צופרידען.

דער יוד איז טראץ זיין לאנגען גלות און אפגעריסענקייט פון דער ערד נאך געבליבען א קינד פון א נאטור פאלק.

די אלטע שטאט צפת-און איהרע יודען

אין דעם אר"י'ם שוהל.—א צופלאמטער אלטער חסיד, וואס דערצעהלט מופתים.—א משיקאווער טיפּ.

פון **י. ד. בערקאוויטש**

אויף מארגען נאך דער „הילולא" איז אונזער „אכסניה" געשמאק געשלא-פען שפעט אויפ'ן טאג. דער עולם מירונסטען האט זיך גוט אויסגעהוליעט א גאנצע נאכט אין מירון און פער-שלאפען דעם קוהלען און צארטען צפת'ער פרוהמארגען, וואס האט ווי פאר זיך אליין, שטיל געשטראהלט איבער די אלטע ערדענע דעכער, אויף די ווײטע האלב-צעשאטענע חורבות, און די שטילע שויבען פון אלטע קרי-מע פענסטער. דער אײנציגער לעבעדי-גער עדות פון דער פרוהמארגענדיגער פראכט איז געווען דער שווארצער אראבישער בחור, דער שטילער פער-טרויערטער שטיוועל פוצער פון דער „אכסניה", וואס האט זיך צוגעטוליעט צו א וואנט אויף דער הינטערשטער טערראסע, געזעסען מיט זיינע צוויי בערשטלעך אויפ'ן שוים און זיך גע-דרעמעלט אקעגען דער יונגער זיסער בעגינענדיגער זון.

אפגעגאסען נעגעל-וואסער פון דעם אלטמאדישען האנדפאס (מעהר ווי „נע-געל וואסער" האט דאס דינע פלוסיג-דיגע שנירעלע פון'ם קראן נישט גע-וואלט געבען) און פארטיג געווארען מיט'ן אנבייסען אין דעם האלב-טונקע-לען עס-צימער פון די דײטש-יודישע פֿריילײנס, געהען מיר ארום אנקוקען אביסעל צפת. מיר לאזען זיך גלייך אראפ אין דער אלטער שטאט, וואס האט כמעט דאס זעלבע אויסזעהן, ווי די אלטע שטאט אין ירושלים: די זעל-בע אלט-געבויטע הויפט-גאס, וואס שלענגעלט זיך מיט טרעפ אין דער נידער, די זעלבע אלטע האלב-חרוב'ע שטיינערנע מויערלעך און ליימענע שטעלעכלעך פון בײדע זײטען, דער-זעלבער אלטער מיכלער ריח פון די פינסטערע לעכער און קארידארען. צפת איז אבער א קליין שטעטעל, נישט אין ערך קלענער און שטילער פון ירו-שלים. נישטא דא דער גרויסשטאטישער טומעל, דער מארק-הארמידער, דער מענשען-געדראנג און די ווילדע קולות פון די קרעמער, וואס פערהילכען די אויערען אין דער אלטער שטאט פון ירושלים. די הויפט-גאס איז דא א שטילע, א פערשלאפענע, און דער ליכ-טיגער פרוהמארגען קוקט אהער ארײן מיט ווייכע און ווארימע זוניגע פלעקען. פון די אלטע אויסטערלישע שטיינערנע שטיבלעך, וואס הויקערן זיך אין דער טיף, טראגט מיט שטילער מיטעלאל-טערליכער פערווארפענקייט, ווי פון אנ'אלטען יודיש-אראבישען העק. היינט ווייזט-אויס צפת נאך שטילער און פער-ווארפענער — אפנים, דערפאר, ווייל מען זעהט אין גאס קיין יודען נישט. די יודען שלאפען און זייערע הײזער, הינטער אײזערנע גראטעס און פערצוי-גענע פארהענגלעך, ווי נאך א התנגנת. מיר גליטשען זיך אראפ איבער די קרו-מע שטיינערנע טרעפ און טרעפען אויף אונזער וועג נאר אראבער. מיר ווילען זעהן די אלטע שוהל פון דעם אר"י און ווייסען נישט וואו זי געפינט זיך דא ערגעץ. סיידען א פרעג טון ביי אט די אראבער, וואס זיצען געמוטליך, און פרוהמארגענדיגער פערטראכטקייט, ביי זייערע קליינטלעך, אדער דרעהען זיך אים מיט אנגעלאדענע חמורלעך אי-מיטען גאס? דארף מען דאך קענען אראביש — און מיר ווייסען פון דער רייכער אראבישער שפראך נאר צוויי ווערטער: „עסמא" (הער נאר) און „יהוד" (יוד). ס'איז אבער נישטא קיין אנדערע ברירה — שטעלען מיר אפ אנ'-אלטען גרוי'ען אראבער, וואס פיהרט א קליין אייזעלע, און פרעגען איהם מיט דער הילף פון די צוויי אראבישע ווערטער און פון די צעהן מענשליכע פינגער, וואו ליגט דא ערגעץ די אלטע יודישע שוהל פון דער אר"י הקודש? פערשטעהט אונז נישט דער אלטער אראבער. ער פערהאלט זיך אבער צו אונז זעהר פריינדליך — צעשרייט ער זיך אין מיטען גאס אויף א הויכער דארפישער געמבע, רופט מענשען, מען זאל אונז קומען צו הילף. עס ווערט ארום אונז א רעדעל פון אראבער, קרע-מער און שמוציגע לאנגע קליידלעך אין לערנגעהער מיט בארוויסע פיס, גרויס און קליין. מען קוקט אויף אונז קליינשטעטלדיג נייגעריג, מען שמיי-כעלט צו אונז מיט שווארצע אויגען און ווייסע צייהן, מען רעדט עפעס צו אונז, מען הייבט זיך אן צו א-פערן צווישען זיך, נאר קיין טאלק קומט דערפון נישט ארויס. אײנער א יונגער קרעמער און א רויטער פעסקע האט אויפגעוואכט פון זיין פרוהמארגענדיגען דרעמעל און לאזט זיך געהען מיט מונ-טערע טריט פון זיין קלייטעל, צעש-רייט מיט א ברייטער בעוועגונג דעם עולם און ווינקט צו אונז מיט א פינ-גער, ווי ער וואלט געזאגט: „קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזען דאס וואס איהר ווילט". געהען מיר נאך איהם. פיהרט ער אונז צו צו א קליי-נעם טיר, נעמט אראפ פון דער טיר א גע-[illegible], צעשפרייט איהם פאר אונז און דער לופטען, טוט א שאקעל מיט דריי פינגער און זאגט האלב אויף פראנצויזיש, האלב אויף ענגליש: דריי פינט! ווילען מיר נישט הערען — פערשטעלט ער אונז דעם וועג און לאזט באלד ארונטער אײן פינ-גער: צוויי פינט! רייסען מיר זיך ארויס — פערשטעלט ער אונז ווייטער דעם וועג און לאזט ארונטער נאך א פינגער: אײן פינט! — און קוקט יעדען אײנעם פון אונז אין פנים ארײן מיט פערשעמט. דערוויזן, אז ער וועט דא ביי אונז גארנישט פועל'ן, גיט ער אויף אונז א מאך מיט דער האנד און צושרייט צום עולם אונמוטיגען נאס מיט מענער פון גרינשעצונג, ווי אײנער זאגט: „לאזט זיי אפ, די שלימ-מזל'ס — מען וועט פון זיי גארנישט דערלעבען!"...

נאר אט האקסט אויס פון ערגעץ א יוד מיט א געלער באָרד און מיט געלע פלעכטלעך פאות און מיט א גרויסען אלטען טלית-זאק אונטער'ן ארעם, און מיר בעפאלען איהם, ווי אנ'אוצר:

— ר' יוד, דאס געהט איהר אפשר אין דער אלטער שוהל?

— דאס געה איך פון דער אלטער שוהל. וואס דען?

— קאנט איהר אונז נישט זאגען, ווי אזוי געהט מען דא צו דער אלטער שוהל?

— פאר וואס זאל איך נישט קאנען?

— וואנדערט זיך דער יוד מיט א בית-מדרש-ניגון און קוקט אונז אן מאדנע משוקאווע. — א מינדסט קינד פון צפת וועט דאס אייך זאגען!.. און איהר אליין ווער זענט? — וויל ער וויסען. — מסתמא נישט קיין היגע? מען זעהט דאס גלייך!.. פון וואנען א שטיינער? פון תל-אביב? געווען נעלטען צום יאהרצייט?.. אויב אזוי איז עפעס אנ'-דערש!.. נאט-זשע אייך אט שלום, און געהט, זייט אזוי גוט, אט אזוי-א גלייך, גלייך, דערנאך וועט איהר זיך מטריח זיין אביסעל פערקרימען אן דער זייט — וועט מען אייך שוין דארט ווייזען!..

די וועגווייזונג פון דעם יודען איז אפילו נישט אזא קלארע, נאר דער יוד אליין געפעלט אונז — שוין לאנג אזעלכען נישט געזעהן. מיר האבען חשק צו שטעהן מיט איהם א ווײלע און שמועסען. אײלט ער זיך אבער אהיים און פערענטפערט זיך:

— איך וואלט מיט אייך געגאנגען צוריק אין שוהל ארײן און פערדינט א מצוה — חלש'ט מיר אבער דאס הארץ, נישט פאר אייך געזאגט.. און דאס ווייב דארטען וועט זיך אויך מתרעם זיין — מוז איך לויפען... געהט זשע געזונטערהייט, האט נאר קיין יסו-רים נישט — איהר וועט מיט גאט'ס הילף, געווים טרעפען!..

דערפאר, אז מיר זענען געקומען אין דער אלטער שוהל, האבען מיר דארט בעגעגענט א צווייטען יודען, וואס האט אונז בעלוינט פאר'ן ערשטען. די אלטע שוהל אליין האבען מיר געפונען שוין לעדיג פון מתפללים. נאר עטליכע זקנים זענען געזעסען אויבען אן בײ דער מזרח-וואנט און געזאגט זוהר. מיר האבען זיך געדרעהט א קליינע ווייליגע ארום דער אלטער בימה, בעט-ראכט דעם אלט-בעשריבענעם עמוד, געקוקט אין דער הויך צום טונקעלען געוועלבטען סופיט — געזוכט די פער-שוואונדענע שפורען פון די אלטע מקובלים... און דעם קומט צו צו אונז איינער פון די זוהר-זאגער'ס, א יוד א חסיד מיט א רויטליכען ווארעם-ליכטיגען פנים, מיט א רויטליכען גרויען בערדעל און מיט מאדנע פער-נעבעלטע שמייכלענדיגע אויגען, וואס זייער שמייכעל איז געוועהנדעט נישט צו אייך, נאר ערגעץ צו עפעס, און זעהר ווייט פון דאנען. דער יוד האט נאך-וואס אויסגעגעבען און צונויפ-געלעגט דעם אלטען פערגעלטען טלית — געהט ער צו צו אונז בנעימות אין דער לאנגער שמאלער געשטרייפטער זשופיצע און דער אלטער סאמע-טענער יארמעלקע אויפ'ן רויטען קאפ און רופט זיך אן מיט זיין ווייך-גע-ווענדעטען שמייכעל:

— איהר קומט, קינדער... פאראן דא וואס אנצוקוקען אין זיין שוהל!.. ווי עס שיינט, אורחים ביי אונז אין צפת? דארף מען אייך קודם אפגעבען שלום... ברוכים הבאים... פון וואנען קומען יודען?

— יודען קומען פון ווייט, אויש פון אמעריקע! — ענטפערט דער עלטסטער פון אונז. — אט דער יוד — ווייזט ער

(ענדע זייט 11)

די טראגעדיע פעפי ליטמאן

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")

פון **ש. האכבערג**

די בעריהמטע סוברעטין איז געווען אנ'איינגעהערין ביי דוד פרישמאן אין הויז און מענדעלי מוכר ספרים פלעגט אנקיועלען פון איהרע ניגונים. — איהר ירידה און אויפשטייג ביי די באלשעוויקעס.- נאך אנבערע ערינערונ-גען. — פעפי ליטמאנ'ס טראגישער סוף.

מיט מיטפֿין צער און געבויגענע קעפ זענען די יודישע וועניגער ארטיסטען און ארטיסטקעס געשטאנען ביים אפגע-בען אין פרעמדען קבר און געווײנט דעם פרוהצייטיגען טויט פון דער פאפו-לערער ארטיסטין פעפי ליטמאן.

דער נאמען פעפי ליטמאן איז גוט בעקאנט אויף דער יודישער גאס און פיל לענדער אין אייראפע, וועלכע זע-נען על פי רוב בעוואוינט פון יודען.

זעהר געדענקט נישט איהר „וישמחו", וואס ווערט ביז דעם היינטיגען טאג געזונגען צווישען דער יודישער מאסע.

פעפי ליטמאן האט מיט איהר רים-[illegible] און בעזונדערס מיט איהר [illegible]-ליכע זינגען, טראגענדיג אויף דער סצענע מענער הויזען מיט דעם גאליציאנישען חסידישען קאפעליושיל, כמעט שטענדיג ארויסגערופען א געמוט-ליכע שטימונג ביים יודישען עולם.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זי האט נישט בעזעסען קיין בילדונג, ווייל זי איז ערצויגען געווארען אהן עלטערן, בלייבענדיג אלס קינד א קליינע יתו-מה, האט זי אין דער געזעלשאפט גע-מאכט דעם איינדרוק פון א געבילדעטע פרוי, א דאנק דעם, וואס זי האט פראק-טיש גערעדט אויף אייניגע שפראכען.

פעפי ליטמאן, זיך נישט רעכענדיג מיט דער סביבה פון ארטיסטישען לע-בען, איז געווען רעליגיעז געשטימט, וואס בעווייזט דאס אפהיטען פרייטאג צו נאכט דאס ליכט-בענשען, אויסמיידען צו עסען טריפות און אפהיטען רעליגיע-זע מנהגים, וואס זענען נוגע א יודישע פרוי.

אין דער צייט פון דער מלחמה האט פעפי ליטמאן געשפילט אין אדעס, וואו זי איז געווען בעליבט ביי דער יודישער מאסע און אויך פאפולער אין די דארטיגע ליטעראַרישע קרייזען.

מען האט זי זעהר אפט געקענט זע-הען אלס גאסט ביי דוד פרישמאן ז"ל, וועלכער האט דעמאלט פערבראכט אין אדעס און בעזונדערס אין זיין געבורטס טאג, ווען זי פלעגט ארייננטראגען א פרעהליכע שטימונג.

זי איז אויך געווען א אפטער גאסט ביים זיידען מענדעלע ז"ל, וועלכער האט זי זעהר גערן געהאט פאר איהרע הארציגע יודישע לידעלעך.

נישט איינמאל פלעגט זי קומען צום זיידען אין א געוועהנליכען טאג איהם לוסטיג מאכען, פארזינגענדיג פאר איהם א פאר פרעהליכע יודישע לידעלעך און בשעת דעם זינגען פלעגט דער זיידע צוברומען, צושאקלענדיג מיט זיין שעהן בערדעל מיט די זילבערנע האר, ווי אײ-נער זאגט: עס איז גוט, עס איז וואויל.

נישט נור דער זיידע מענדעלע, נאר אפילו די באבע ע"ה, וועלכע איז גוט בעקאנט געווען צווישען אונז אלס א קארגע פרוי, האט נישט איינמאל אויס-געדריקט איהר צופרידענהייט און פעפי ליטמאן מכבד געווען מיט א גלאז טהע און מיט פלעצלעך, אויף וועלכע מען פלעגט זאגען, דאס זיי ליגען ביי דער באבע געווים א פאר יאהר.

איך קען נישט פערגעסען, ווי דער זיי-דע מענדעלע, זיצענדיג אין דער לאזשע אין יודישען טעאטער אין אדעס, האט זיך געווענדעט צו א בעוואוסטען ליטע-ראט מיט דער פראגע: ווי געפעלט אייך דער „וישמחו", וואס פעפי ליט-מאן האט אבגעזונגען? דער ענטפער איז געווען: ווען זי זינגט נאך א פאר ניגונים מיט אזא התלהבות וואלט איך מיט איהר מיטגעזונגען אויף דער סצע-נע.

אינ'ם 1917 יאהר, ווען דער שרייבער פון די שורות איז ספעציעל געפאה-רען קיין יאסי (רומעניען) זיך איבער-צייגען צי די ידיעות, וועלכע פלעגען קומען אין דער רעדאקציע פון'ם אדע-סער „אונזער לעבען" זענען ריכטיג וועגען דעם שרעקליכען הונגער, וואס די יודישע בעפעלקערונג האט דעמאלט דורכגעלעבט, האט ער זיך צופעליג דערוואוסט, אז פעפי ליטמאן שטארבט בוכשטעבליך פון הונגער.

די אורזאך איז געווען נישט דאס, וואס זי האט נישט געהאט קיין געלד-מיטלען, נור פשוט, וואס די אדעסער קאאפעראטיוון האבען די יודען נישט פערקויפט קיין פראדוקטען און אויף די באזארען איז צוליעב די מלחמה-סיבות נישט מעגליך געווען צו בעקומען אפי-לו פאר געלד.

איך האב וועגען דעם מיטגעטיילט די יודישע אפיציערען פון קערענסקי'ס צייטען, וועלכע זענען דעמאלט געווען אין א גרויסער צאהל אויף דעם רומע-נישען פראנט און פלעגען זיך אפט צוזאמענקומען וועגען יודישע „ענינים" אינ'ם דארטיגען „זענסקי סאיוז", אין דער שפיץ פון וועלכען איז געשטאנען ז. מאמסקין, א ברודער פון'ם בעוואוס-טען יעליזאוועטגראדער ראבינער י. מיאמקין.

די יודישע אפיציערען, זיך דערוויסענ-דיג פון פ. ליטמאנ'ס ליידען האבען אין א פאר שעה צייט איהר צוגעשיקט א פאר זעק מעהל, צוקער, רייז, הערינג ובדומה. און אין איין ווארט: מען האט זי פערזארגט מכל טוב.

פ. ליטמאן האט נישט נור געהאט צו עסען אויף א שענע פאר וואכען, נאר זי האט זיך אויך געטיילט מיט די דאר-טיגע איבריגע אקטיארען, ווי: אשכנזי, מאלחינע סיגאלעווסקי, ליירעסקו, און אנ-דערע, וועלכע האבען נישט ווייניגער ווי אלע אדעסער יודען געליטען פון דעם „געשאפענעם הונגער".

די רוסישע אמבאסאדע אין רומעני-ען האט נישט געוואלט ערלויבען פעפי ליטמאן און די איבריגע אקטיארען און אקטריסעס, וועלכע האבען זיך אין יענער צייט געפונען אין יאסו, צו פאהרען קיין אדעס שפילען צוליעב א בלבול אויף די ארטיסטען, אז זיי האבען געזונגען לידלעך קעגען רוסלאנד, נאטירליך, ווען דער צארישער פער-פאלטער ביוראקראטיע.

לויט אונזער השתדלות און ערקלערונ-גען דעם דעמאלסדיגען שעף פון'ם הויפט שטאב גענעראל מארקס, האט פ. ליטמאן, ווי אויך אלע אנדערע אקטיא-רען בעקומען די ערלויבניש צו קומען קיין אדעס.

דער ערשטער ארויסטריט פון פ. ליט-מאן אינ'ם 1917 יאהר נאך איהר צוריק קומען פון רומעניען אין גרויסען טעא-טער, אין אדעס אין די פרייע טעג פון קערענסקי'ס צייטען, האט געהאט א קא-לאסאלען ערפאלג.

דאס טעאטער איז דעמאלט טאג איין, טאג אויס געווען פול געפאקט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין אדעס האט דאן געשפילט פישזאהנ'ס, רונפעלד'ס און אנדערע טרופעס, וועל-כע האבען געמאכט גאנץ געשעפטען.

דער ערפאלג פון די יודישע טעא-טער'ס האט זיך אזוי לאנג געצויגען ביז די באלשעוויקעס האבען פערבלאזט די

(ענדע זייט 11)

אונזער פערטיידיגער אין דער וועלט

פון ד"ר א. מוקדוני

מיר, מזרח יודען, האָבען בלויז מיט פופציג יאָהר צוריק געשטעלט זיך אויף אונזערע אייגענע פיס.

פריהער זענען מיר געווען עפּעס פערוואָגלטע, פערשטויסענע און דערשראָקענע יתומים, און רייכע קרובים, גוטע פעטערס פון אויסלאַנד, פון פּאַריז, פון לאָנדאָן און פון בערלין האָבען געפיהרט אונזער „פּאָליטיק", אינטערעסירט זיך מיט אונזער עקאָנאָמישער לאַגע, מיט אונזער ערציהונג און געטאָן די קולטור־רעלע און וויסענשאַפטליכע ארבייט פאַר אונז.

האָט מען אין אויסלאַנד געשריבען יודישע געשיכטע פאַר אונז, ווייטע קרובים, אָפּגעפרעמדעטע, געלערנטע פעטערס האָבען געשריבען אונזער געשיכטע.

איז עס עפּעס א געשיכטע אָהן דעם הויפּט־העלד, אָהן דעם פאָלק, אָהן דעם לעבעדיג, ליידענדיג, שטרעבענדיג, קעמפענדיג און האָפענדיג פאָלק.

זיי, די ווייטע פעטערס, האָבען דאָס אָרימע פאָלק פון מזרח און בכלל יודען נישט געקענט שילדערען ווי א העלד, זיי, די אָפּגעפרעמדעטע קרובים האָבען נישט געקענט שרייבען לעבעדיגע געשיכטע, האָבען זיי געשריבען א געשיכטע פון ספרים, אנשטאָט א געשיכטע פון לעבעדיגע יודען, זיי האָבען מילטיג און זעהר פלייסיג איינגעשטודירט יעדען בלאַט און פערוואַנגעלטען ספר'ל, אָבער דעם לעבעדיגען יודען, דעם אמת'ן לעבעדיגען טרעגער פון דער געשיכטע האָבען זיי נישט געזוכט און ממילא האָבען זיי אויך נישט געפונען.

ביז מיר, מזרח יודען, האָבען זיך אָנגעהויבען שטעלען אויף אונזערע אייגענע פיס; האָבען מיר אָנגעהויבען אליין פיהרען אונזער פּאָליטיק, אליין וואָרגען פאַר אונזער עקאָנאָמישער לאַגע אליין, אָהן די עצות פון אויסלענדישע פעטערס זיך גענומען פאַר דער ערציהונג פון אונזערע קינדער און אליין זיך גענומען שרייבען אונזער געשיכטע, יודישע געשיכטע.

איז עס א לעבעדיגע געשיכטע, א געשיכטע מיט א לעבעדיגען העלד, געשיכטע. וואָס איז לעבעדיג, געשיכטע וואָס איז היינט און ברויזענדיג ווי אונזער לעבעדיג לעבען.

אונזער געשיכטע שרייבער, אונזער אייגענער היסטאָריקער איז שמעון דובנאָוו.

א לעבעדיגער יוד, אייגענער, וואָס איז אין זיין טאָג־טעגליכען לעבען א יוד, אייגענער, וואָס לעבט 24 שעה אין מעת לעת זיין יודישע פראַגען, פּאָלעמיזירט אין זיי. פערגעסען האָט זיך געגעבען שרייבען זיין יודישע געשיכטע.

איז געשיכטע נישט קאַלטע רשימות פון ספרים, נישט רוהיגע, געלאַסענע, געמאָסטענע און געוואָגענע בעטראַכטונגען פון דער יודישער ספרים'שער פערגאַנגענהייט.

ביים לעבעדיגע, קעמפענדיגע און מעטינגע יודען איז פערגאַנגענהייט פערבונדען מיט דער געגענוואַרט און די געגענוואַרט איז געקניפּט מיט דער צוקונפט, איז ווען דער לעבעדיגער יוד רעדט וועגען דער פערגאַנגענהייט שטעהט פאַר זיינע אויגען די פרישע צאַפּלדיגע יודישע געגענוואַרט און ווען ער רעדט פון דער צוקונפט איז זי ביי אוהם דער רעאַלער מאָרגען, וואָס קומט תיכף נאָכ'ן היינט און עס שלאָגט פון אוהם דער ריח פון פרישען געבלעטען.

און ווייל מיר, מזרח יודען, זענען לעבעדיגע און מעטינגע יודען און אליין, וואָס מיר טוען אָנגעזאָפּט מיט אומפּעטונגען לעבען, איז אונזער פּאָליטיק א הייסע, א זודיגע, איז אונזער קאמף פאַר יודישע ערציהונג א ברענענדיגער, איז אונזער געשיכטע שרייבער א הייסער און פּאַטעטישער, איז ער א ברענענדיגער פון צאָרן, איז ער א שיינענדיגער פון האָפנונג און א פער'דבק'טער אין זיין פאָלק.

שמעון דובנאָוו איז אונזער לעבעדיגער יודישער היסטאָריקער.

איז חכמת היהדות געבליבען אין ביבליאָטעקען און לעבעדיגע יודישע געשיכטע איז אַריין אין לעבען.

ש. דובנאָוו איז נאָר אין אָנהויב געגאַנגען אין די פוס־טריט פון אונזערע ווייטע און קאַלטע היסטאָריקער, ווייל יעדער מענש מאַכט די ערשטע טריט אויף אויסגעטראָטענע וועגען.

אָבער מיט דער דערוואַקסונג, מיט דעם אויפבוי פון דעם יודישען לעבען אין רוסלאַנד איז ער אויך דערוואַקסט און אויך בעפרייט געוואָרען פון די אלט־פעטערישע חכמת־היהדות'דיגע טראַדיציעס.

דאָס לעבען. דאָס אויפגעוואַכטע יודישע לעבען, האָט אוהם אַריינגעצויגען אין דעם שטראָם פון ברויזענדיגע און רוישיגע לעבענס־פראַגען.

א לעבעדיגער יוד איז א מעטינגער מענש איז געוואָרען דער היסטאָריקער.

ער פערמויערט זיך נישט ווי אַנדערע היסטאָריקער אויף זיין גאַנץ לעבען אין ביבליאָטעקען, דאָס לעבען איז אויך א ביסעל געשיכטע, און דאָס אויפגעוואַכטע יודישע לעבען איז דאָך ממש פּעולהדיגע קאַפּיטלען פון געשיכטע, לעב זיי דורך און שרייב זיי אָן!

דער לעבעדיגער יוד קען זיך נישט פערמויערען אינגאַנצען אין א ביבליאָטעק; אויף דער יודישער גאַס בעווייזען זיך די ערשטע פרישע בלומעלעך פון א יודישער ליטעראַטור, פון א לעבעדיגער ליטעראַטור, וואָס וועט מאָרגען זיין לעבעדיגע געשיכטע, קען דער לעבעדיגער יוד נישט שטעהן פון ווייטען.

און דער היסטאָריקער ווערט פערבייגערענדיג דער ערשטער יודישער קריטיקער, ער בעגעגענט די ערשטע ציטערדיגע פריכטען פון דער יודישער ליטעראַטור, ער איז דער ערשטער, וואָס מאָלט אויף זיי מיט כונה „שהחיינו".

דאָס יודישע לעבען נעמט ווייטער דעם היסטאָריקער אין זיינע הענד און קנעטעט פון אוהם אויס אַן אמת'ן און לעבעדיגען יודישען היסטאָריקער.

אין די 80־90־גער יאָהרען טרייסעלט ער פון זיך אָפּ דעם לעצטען ביסעל שטויב פון דער אידעאָלאָגישער אַסימילאַציע, אָדער ווי עס האָט דעמאָלט געהייסען קאָסמאָפּאָליטיזם, און ווערט דער מעטאַפיזיקער פון מאָדערנעם יודישען נאַציאָנאַליזם: זיינע „בריף וועגען אַלטען און נייעם יודענטום" ווערען די גרינד שטיינער פאַר דער טעאָריע פון אויטאָנאָמיזם. ד. ה. דאָס רעכט פון יודען אויף אַן אויטאָנאָמען לעבען אין אַלע לענדער וואו זיי וואוינען, ווייל געמיינזאַמע פאַקטאָרען בולדען אויס די נאַציע, געמיינזאַמע פאַקטאָרען שפּילען די הויפּט־ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון דער נאַציע.

און וואָס פאַר א ראָלע די דאָזיגע טעאָריע האָט געשפּילט אין די לעצטע יאָהרען ביי יודען ווייסען מיר אַלע.

און אַזוי ווערט ער אַריינגעצויגען אין פרישען שטראָם פון יודישע לעבעדיגע פּראָבלעמען. ער ווערט אינגאַנצען פריי פון דער אלטער יודישער היסטאָרישער שול, וואָס האָט אויפגעבליהט אין דייטשלאַנד, די שול, וואָס האָט געשאַפען א חכמת־היהדות פאַר ביבליאָטעקען און נישט לעבעדיגע געשיכטע פאַר'ן טאָג־טעגליכען יודישען לעבען.

א לעבעדיגער יודישער היסטאָריקער דערזעהט ער די פרישע שפּורען פון א גרויסער יודישער היסטאָרישער ערשיינונג, די שפּורען פון דער גרויסער מחלוקת צווישען חסידים און מתנגדים און ער ווערט דער ערשטער גרונדליכער פאָרשער פון חסידות.

און דאָ קומט דער היסטאָריקער אין לעבעדיגען קאָנטאַקט מיט'ן פאָלק; ער ווענדעט זיך צום פאָלק וועגען מאַטעריאַלען זאַמלונג און זיין ווענדונג בעקומט דעם וואַרימסטען אָפּקלאַנג, ער בעקומט די בעסטע מאַטעריאַלען און א דאַנק זיי איז זיין ארבייט וועגען חסידיזם די ברייטסטע, די טיפסטע און די אויסשעפּענדיגסטע.

די ערשטע גרויסע ארבייט פון דעם היסטאָריקער איז געשריבען מיט א מערקווירדיגען גלאַנץ, לעבעדיגקייט און פרישקייט, בלויז געצעהלטע היסטאָריקער פערמאָגען אַזא פליסענדיגע פעדער ווי שמעון דובנאָוו, און דער שריפטשטעלערישער גלאַנץ געהט אוהם נאָך אין אַלע זיינע ערנסטע ארבייטען.

דובנאָוו איז אויך א גלענצענדער שריפטשטעלער.

מיר זענען אַלע געווען פּיאָנערען יעדער אין קליינינקען און בעשיידענעם געביט.

ש. דובנאָוו איז אָבער דער ריכטיגער טיפּ פון א פּיאָנער. ער פערמאָגט דעם גרויסען בראָן, די ענערגיע, דאָס מוט און גרויסע ארבייטזאַמקייט פון א פּיאָנער.

ער בעגנוגענט זיך נישט בלויז מיט פאָרשונג, ליטעראַרישע טעטיגקייט און מיט טעאָריעס וועגען יודישען נאַציאָנאַליזם, ער איז געזעלשאַפטליך טעטיג, ער נעמט אַן אָנטייל אין דעם פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען לעבען, ער אָרגאַניזירט א יודישע היסטאָרישע געזעלשאַפט, הכלל — איר זעהט דעם היסטאָריקער אין די סאַמע געדריבעגישען פון לעבען, און אומעטום איז ער א האָפערדיגער, פעסטער און א זיכערער יוד.

און דער דאָזיגער לעבעדיגער יוד האָט אָנגעשריבען אונזער געשיכטע פון יודען.

עס איז א געשיכטע פון לעבעדיגע יודען, פון א לעבעדיגען פאָלק און פון א ברויזענדיג יודיש לעבען.

ס'איז דאָס מאָנומענטאַלסטע היסטאָרישע ווערק נאָך היינריך גרעטץ'ס „געשיכטע דער יודען", וואָס איז אַרויס מיט איבער פופציג יאָהר צוריק.

עס איז א געשיכטע געשריבען פון א גרויסען געלערנטען און פון א גרויסען יודען: דובנאָוו איז א צד, ער איז דער יודישער טוער און וועלט־געשיכטע, ער איז דער הייסער פערטיידיגער אונזערער נשמה דער אומגערעכטער וועלט.

ווילען „אָביעקטיווע" היסטאָריקער אונזערע האָבען, אז פון ש. דובנאָוו'ס געשיכטע שלאָגט ער צופיל מיט פּובליציסטיק; מיט צו־פערזענליכער שטעלונג און מיט צו־טעמפּעראַמענטפולען לשון, עס פּאַסט נישט פאַר דער אלטער, מאמר'דיגער און געזעצטער געשיכטע.

אָבער יודישע געשיכטע איז די געשיכטע פון ווילדע רדיפות, שוידערליכע הריגות, גרויזאַמע פּייניגונגען, גירושים, געצוואונגענער שמד, בלוט־בלבולים און אוממענשליכע גוואַלד־טאַטען.

מיר זענען פאָרט געווען דאָס שעפּעלע צווישען צוקעגרינע וועלף.

און ביז'ן היינטיגען טאָג פלאַמערן זיך נאָך אין דער וועלט רעשטלעך פון סאַמע שוואַרצע בלבולים, ברעקלעך פון פעלבוגער שנאה, ביז'ן היינטיגען טאָג איז דער פינסטערער אָבערגלויבען בנוגע יודען געבליבען, ער בעהאַלט זיך, פערמאַיעט זיך אונטער דעם מאַנטעל פון ציוויליזאַציע און פלוצלינג שפּרינגט ער אַרויס און מיר דערזעהן זיך אין די פינסטערע צייטען פון מיטעלאַלטער און פון כמעלניצקי.

אוקראַינע מיט צעהן יאָהר צוריק איז דאָך נישט ווייטער אַוועק פון אוקראַינע אין כמעלניצקי'ס צייטען.

און ווען א יודישער היסטאָריקער רעדט וועגען פּאָגראָם כמעלניצקי שטעהט פאַר אוהם זיין אייניקעל סעמיאָן פּעטליורא.

און ווען א יודישער לעבעדיגער היסטאָריקער רעדט פון טאָרקוועמאַדא שטעהט פאַר זיינע אויגען דער רוסישער פּאָבעדאָנאָסצעוו.

אַלטע יודישע געשיכטע קען זיך איבער'חזר'ן, א נעכטיגער אומגליק קען ווערען א היינטיגער.

און וואו איז דער רוהיגער היסטאָריקער, וואָס זאָל קענען רעדען רוהיג, קאַלט און פּראָפעסאָריש טרוקען וועגען די שחיטות אין אוקראַינע מיט צעהן יאָהר צוריק.

צווישען אונז געהען דאָך אַרום די לעבעדיגע קרבנות פון די דאָזיגע שחיטות!

מיר שטעהען נאָך אין סאַמע מיטען [illegible] פאַר אונזער גלייכבערעכטיגונג, פריי פון דער שרעק פאַר פּאָגראָמען: אין רומעניען בעהאַלטען זיך אומצט יודען אין וועלדער ווי פעריאָגטע חיות פאַר שרעק פון פּאָגראָמען.

מיט דרייסיג יאָהרען צוריק פליהען סטודענטען שטודען אין די יודישע גאַסען, שלאָגען יודען, ברעכען שויבען און פערניכטען יודיש האָב־און־גוטס.

דאָס איז געווען א לעגאַלע סימירטישע שטודענטע, פאַר וועלכער מען פלעגט געהן בעשטראָפען.

איז עס נישט קיין פערגאַנגענהייט פוילישע, רומענישע און אַנדערע כמעט רעדנשען, מיטען דאָס היינט, און עס איז א לעבעליגע שטודענטע ווי אין די אַמאָליגע פינסטערע יאָהרען ווען יודען זענען אינגאַנצען געווען רעכטלאָז.

יודישע געשיכטע איז געשיכטע און פּובליציסטיק, אזהר רעדט וועגען היינטיגע געשיכטען און רעדקענט און אוהם דעגיז היינט.

און אַן'אייגענער היסטאָריקער א היסטאָריקער, וואָס לעבט מיט יודישען לעבען, לעבט־אָבער אליין צוזאַמען מיט די יודען, א היסטאָריקער, וואָס איז נישט קיין ווייטער קרוב ערגעץ אין פּאַריז, לאָנדאָן, אָדער בערלין, א היסטאָריקער, וואָס אויף זיין פלייצע פאַלען די שווערע קלעפּ פון דעם יודישען היינט קען נישט זיין אָביעקטיוו און קאַלט ווי א מומיע ווען ער רעדט וועגען יודישען נעלטען.

אונזער היסטאָריקער איז ער, האָט ער מיט אונז איבערגעלעבט דעם פינסטערען גלות און דעם פערפלוכטען צאַרישען רוסלאַנד.

א יודישער געלערנטער מיט גרויסע פעהיגקייטען, א יודישער היסטאָריקער פון גרויסען פערנעהם זענען אַלע טירען פון בילדונג געווען פערהאַקט פאַר אוהם, די צאַרישע מיטעל־שולען זענען געווען פערריגעלט פאַר אוהם און דער יונגער און שפּעטער זענען שוין ממילא געווען פערהאַקט פאַר אוהם די טירען, פון די אוניווערזיטעטען.

שוין א געלערנטער מיט א וועלט־נאָמען האָט ער אין זיין לאַנד קיין קאַטעדרע נישט געהאַט, ווייטער — די צאַרישע אוניווערזיטעטען זענען פערשלאָסען פאַר א געלערענטען, וואָס איז א יוד.

דאָס גאַנצע לעבען געטראָגען דעם שווערען גלות, אויף טריט און שריט זיך אָנגעשטויסען אויף ביזיוולונגען, רשעות'דיגע שטערונגען מצד צאַרישע סאַטראַפּען, אומעטום בעגעגענט דעם ברוטאַלען קולאַק פון דעם צאַרישען טשינאָווניק.

און איז בסדר געווען מוגמער, בסדר פּול מיט לוכטונגען גלויבען, בסדר פּרויזענדיג פון ענערגיע און טעטיג.

און אויף די סאַמע עלטערע יאָהרען

(ענדע זייט 8)

? שבת־נאָכמיטאָג ?

אָנהויב פון ראָמאַן: „די פאָרשטאָט"

פון ישראל ראַבאָן

I

א יונגעל פון א יאָהר נײן־צעהן געהט אויף דער גאַס. ער טראָגט א טוכען היטעל מיט א גרויסען לעדערנעם גלאַנצעדיגען דאַשעק אָראָפּגערוקט מיט אויף טשערן, די זון זאָל אוהם נישט אַזוי ברענען אין פנים. אין האַנד האַלט ער אין דער מאָש פון די הויזען, וואָס זענען געזאָמעט אין אַלע זיימען, און מיט דער אַנדערער האַנד פאָכעט ער מיט א שטעקעלע אין דער לופט. דאָס שטעקעלע איז בויגעוודיג און עס גיט א פייף, ווען מען טוט דערמיט א האַסטיגען מאַך. דאָס יונגעל איז צופרידען און ער טענצעלט אינגאַנצען אויף די באָרוועסע פיסלעך פון גרויס צופרידענהייט.

ס'איז זעהר היים. קיין טראָפּען שפּאַגען איז נישטאָ. מ'וועהט נישט קיין מעטען. מ'דאַרף זיך בעהאַלטען אין די טיפּבען פאַר דער מורא'דיגער היץ. דאָס יונגעל ווערט גיך פערמאַטערט פון געהן פיסט און פאַסט אונטער דער זון און פון פאָכען מיט'ן שטעקעלע, וואָס פייפט. ווי ער געהט און שטעהט ציהט ער זיך אויס אין רינשטאָק, מיט זיך אויף די צוריסענע מאַרינאַרקע און פאַרשטעקט זיך מיט אוהר ק'פּנים פאַר די גליהענדיגע זון־שטראַהלען.

דער רינשטאָק איז אייגענטליך קיין רינשטאָק נישט. עס איז א ברייטער ראָוו, אין וועלכען עס זעהען זיך אָן סימנים פון גראָז. ער איז טרוקען ווי א ביין און איז ערגעצוואו שוואַרץ ווי אַן'אָפּגעברענטע העלץ. עס וואַלגערן זיך אין אוהם אייניגע שאָרבוינים פון ליידיגע טעפּ, שמוציגע צייטונגען, ברעקלעך פון געפּעס, צובראָכענע פערשוואַרצטע בערגעריגע ריינען, אַלטע שמאַטעס, נגעי פון שעוד, צוריסענע שיך. דער רינשטאָק איז גענוג ברייט, אז א מענש זאָל זיך קענען אויסציהען אין אוהם מיט רחבות ווי אויף א קאַנאַפּע.

דאָס יונגעל, וואָס הייסט יוסל, שטרעקט אויס די באָרוועסע פיס, וואָס איז א ביסעל צוקאַלעמעשעט, און דער זון און פרובט איינשלאָפען.

אין רינשטאָק ליגען נאָך צוויי אַנדערע פערשוויצטע אין די בלויזע העמדער און אַזוי — אַזוי ווי מען שלאָפט געבען א מיך נאָכ'ן בארען זיך. גראָבע טאַלראַטסקע פּאַסקעס הילען ארום זייערע ביינער, וואָס הויבען זיך מיט כּח, ווי ביי אָנגעיאָגטע שלאָפענדיגע פערד; א שווערער רוגט איבער זייערע רויטע פּנים'ער און גיסט זיך אַראָפּ איבער די האָר־בעוואַקסענע צובראָכטענע אָפענע ברוסטען. פליגען, ווערים און אינזעקטען בעאַרבייטען זייערע גראָבע נאַקעטע הענט און פיס. אָבער די פערשוינען פיהלען עס נישט. זיי שלאָפען, ווי געהרג'עטע. א כראַפּענדיג פון געזונדע לונגען צופליהט זיך אין דער דרימלענדיגער שטילקייט.

די גאַס זעהט אַנדערער אויס ווי א גאַס פון א דאָרף, ווי פון א שטאָט. קליינע הילצערנע הייזלעך, איינס אָנגעלעהנט געגען אַנדערען, שטעהען אין צוויי רייהען. אין מיטען איז נישטאָ קיין ברוק און קיין שטיין. א פערהאַרטעוועטער שוואַרצער זאַמד, פּול מיט לעכער און גריבער — א מין שאָסע — טיילט אַדורך ביידע רייהען הייזלעך. מאַכט זיך א רעגען, ליגען טוף די הילצערנע הייזלעך, ווי שוואַרצע זעלנערישע שטויוועל, אין איין גרויסער קאַלוזשע בלאָטע. אין מיטען דער גאַס וואַקסען צוויי גרויסע ביימער. קיינער ווייסט נישט, ווער עס האָט זיי אַהערגעבראַכט, ווער עס האָט זיי פערזייעט און צו וואָס זיי זענען דאָ. די ביימער זענען אייביג שוואַרץ ווי אָפּגעברענטע, שוואַרצע סטראַשידלעס, קוקען זיי מרה־שחורה'דיג אין הימעל אַריין. קיין בלעטעל גרינס זעהט מען קיינמאָל נישט אויף זיי. נישט פריהלינג און נישט זומער. עס זענען מתים פון ביימער און נישט קיין ביימער. קיינער איז זיך אָבער נישט מצער, וואָס מ'זעהט נישט קיין גרינס, קיין בלעטעל אויף זיי. פון די דאָזיגע צוויי מתים (אַזוי הייסען זיי) האָט מען אָבער גרויס נוצען. ווייבער הענגען אויף וועש אויף זיי. אז די יונגען לעגען זיך אין רינשטאָק שפּילען אין קאָרטען, הענגען זיי אויף אויף די ביימער זייערע פּאַלטענס, קורטקעס און מאַרינאַרקעס. אז עס איז א ווינט, הענגט מען אויס קאָלדרעס, קושענס און ליילעכער, אַלטע מלבושים און זעק פון פעדערן, און אָהן ארבייט און אָהן מזה ווערען זיי אויסגעשטויבט, ווענטילירט.

ס'איז געווען איינמאָל א ביטערער ווינטער. ס'געסעל האָט געהונגערט און געפרוירן. מ'האָט גענומען פון דער־העלער הויז ברעכען די צוויי ביימער פון די צוויי „מתים" און געהייצט די כרובעס. ס'האָט זיך געמאַכט א קאָך. מ'איז געוואָרען אויפגערעגט: פערציג יאָהר שטעהען צוויי ביימער — זאָל מען זיי איצט פערטיג מאַכען? ניין, דאָס טאָר נישט פּאַסירען! הערשעל בוטשוק האָט געמאַכט א צעטעל מיט געדרוקטע אותיות, אַזוי ווי אין א בוך:

„ווער ס'וועט אָנרוהרען א צווייג — וועט געה'הרג'עט ווערען.

מיט אַכטונג הערשעל בוטשוק".

דעם צעטעל האָט ער אויפגעהאָנגען אויף א בוים. און אליין האָט ער געפּאַטראָלירט, ווי א שטעקט־הונט אויף דעם, וואָס וועט וואַגען צו ברעכען א שטיקעל צווייג פון בוים. פאַר הערשעל בוטשוק'ן האָט מען אייביג מורא געהאַט און די ביימער זענען געבליבען גאַנץ.

II

יוסעל קען נישט שלאָפען, אַזוי ווי יענע צוויי פערשוינען, וואָס ליגען נישט ווייט פון אוהם. זיין בלאַס דאַר קאַרטאָפעל־געגעהרט פנים איז שוין פּוּמש־נאַס און דער קאָפּ טוט וועה פון דער זון און שלאָפען וויל ער אליין אויך נים. ער האָט מורא, אז ער וועט פערשלאָפען דעם „יום־טוב", וואָס הויבט זיך אָן א ליאַרע שעה, און חוץ דעם האָט ער מורא, אז טאָמער וועט ער איינשלאָפען, קאָן מען אוהם נאָך אַמאָל צוגנב'ענען דאָס שטעקעלע, וואָס פייפט.

ער הויבט זיך אויף פון דער ערד, און הויבט ווידער אָן אַרומציגעהן איבער דער איינגעדרימעלטער, שטילער גאַס.

איינציגווייז הויבט מען זיך אָן צו וועקען. א לייכט געדודער פון לעבעדיג געוואָרענע שטובען און שטאַלען רייסט איבער די שטילקייט. עס הערט זיך אויפמאַכען א טויער און ס'בעווייזט זיך א יונג מיט א פערד. דער יונג איז אָנגעטאָן בלויז אין העמד, איז באָרוועס און רייבט זיך די אויגען. ער געהט אָנטרינקען ס'פערד, וואָס איז נאָך אויך פול מיט שלאָף. אויף זיין הויף איז נישטאָ קיין פּלומפּ און ער מוז אָנקומען צו אַנ'אַנדערענ'ס. דער ווייכער זאַמדיגער באָדען פערשלינגט דעם פערד'ס טריט און די שטילקייט ווערט ווייטער ווייניג געשטערט.

דער יונג, האַלטענדיג אין דער האַנד די לייצעס פון פערד, געהט אַדורך לעבען די שלאָפענדיגע פערשוינען אין ראָוו. ער לעגט אַריין צוויי פינגער אין מויל, גיט א הילכיגען, שניידענדיגען פייף און שרייט:

— הערשעל, לימוער, גענוג געפאָפען.. מ'נעהמט שוין באַלד אָהין...

די צוויי יונגען, וואָס ליגען אין רינשטאָק, כאַפּען זיך אויף דערשראָקען, קוקען זיך אום צו'תמ'טע, רייבען מיט די גראָבע הענד די מויקען און ווערען אויף די ענטבלויזטע נאַקעטע הערצער, שטעלען זיך אויף און געבען א צוה די הויזען.

— לאָמיך נאָר זעהען, צי איך האָב מיר נישט אָפּגעפרעגעלט א שמוק לייב אין אַזא היץ — זאָגט איינער, אַרומקוקענדיג זיך. ביידע זענען נאַס פון שווייס און זעהען אויס, ווי זיי וואָלטען געשלאָפען אין א פייכטען שטאַל.

דער יונג מיט'ן פערד, אויף וועלכען ס'הענגט א הילצערנער קובעל, שטעהט נעבען א מויער און רעדט עפּעס מיט א עלטערען יוד אין א שבת'דיג אָלפּאַקענעם כאַלאַטעל. דער יוד האַלט אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ אָן א זייט און ער זאָגט צום פערדס־יונג:

— כ'לאָז מעהר נישט נעהמען קיין וואַסער. גענוג. האָסט מיר שוין צוויי וואָכען נישט אויסגעקעהרט דעם הויף און דער רעוויראָווע האָט מיר געמאַכט א פּראָטאָקאָל. כ'האָב מיך פערלאָזט אויף דיר, בין איך מיאוס אַריינגעפאַלען.

— ר' אלי' — בעט זיך דער יונג — כ'בין נישט שולדיג. כ'בין געווען אונטערוועגס — האָב איך דאָך נישט געקאָנט עקסטרע קומען אויסקעהרען דעם הויף.

— האָסטו מיר געדאַרפט זאָגען — וואָלט איך מיך נישט פערלאָזט אויף דיר.

ר' אליה איז א קליין דאַר יודעל מיט א פּאַרמעטען, רויט פּנים. אויף יעדען איינעם וואָרט גיט ער צעהן מאָל א מאַך מיט דער האַנד. ער איז ווירט פון הויז און צוגלייך אויך דער סטרוזש, ווייל ער וויל נישט געבען פערדינען געלד א גוי, און א חוץ דעם איז ער גלאַט א קאַרגער. ער איז שוין אַלט א פּנה און זעכציג יאָהר און ער אַרבייט נאָך אַלץ אונטער דער שטוהל אַנ'עלף שעה און קלאַפּט א „פּאַסטעל". וועגען זיין קאַרגשאַפט דערצעהלט מען מעשיות אין דער גאַנצער פאָרשטאָט, און גאַנץ באַלוט. מ'האָט אָבער דרך־ארץ פאַר אוהם, ווייל, ערשטענס, שמועסט מען, פערמאָגט ער א סך געלד, צווייטענס האַלט ער זיך אין פינג ריין, זיינע בגדים און אַלץ ביי אוהם שטיבּ בלאַנקעט, ווי א שפּיגעל, און דריטענס האָט ער א זוהן א סטודענט, וואָס שטודירט אין קיעוו און דאַרף א ליאַרע וואָר צוריקקומען אַלס דאָקטאָר. די „ליאַרע וואָר" שלעפּט זיך שוין אַכט יאָהר און דער סטודענט קומט אַלץ נים צוריק אַלס דאָקטאָר, אָבער אַלע זענען זיכער, אז ער וועט צוריקקומען און עס וועט זיין דער איינציגער יודישער דאָקטאָר, וואָס באַלוט האָט אַרויסגעגעבען.

מ'רעדט דערוועגען מיט פרייד און אַלע האָבען גרויס עגמת נפש, וואָס ער שטודירט אין קיעוו עפּעס אַזוי מאָרגע לאַנג און מ'זעהט אוהם נישט פאַר די אויגען און מ'קאָן אוהם נישט אָנשמעקען קיין שלום־עליכם און ווייזען דער וועלט, אז אַזא גראָב און געמיין געסעל, וואָס האָט אפילו קיין איינעם טראָטואַר און קיין לאָמפּ נישט, קאָן אַרויסוואַרפען א דאָקטאָר. אז מ'פרעגט דבורה'ן, ר' אליה'ס ווייב, וועגען זוהן אין קיעוו:

— נו, דבורה'ניו, וואָס מאַכט ער דאָרט, אייער גרויסער זוהן? — צוטוננט זי זיך און פערגליבערט מיט טרערען אין די אויגען:

— ר'וועט קומען. ר'וועט קומען, ליבע לייט.

יאָ, אַלע זענען זיכער, אז ער וועט קומען, דער דאָקטאָר. בלויז איין ר' אליה, דער איינציגער פּאָטער, איז א שטיקעל אַפּיקורס דערין. ווען מ'פרעגט אוהם, גיט ער האָפענונגסלאָז א מאַך מיט דער האַנד און טוט דערביי א שאַרפען זאָג:

— וואָס ער מאַכט? ער האַלט מיר אין איין קאַליע מאַכען די פּאָר קערבלעך און ווערט אַן'אַלטער בחור.

ר' אליה'ס ביזע ווערטער הערט מען אויס מיט פערדרוס: מען שליגט זיך אַראָפּ ווי בוטערע פּולען. אָבער מען איז זיכער, אז סוף כל סוף וועט דער זוהן קומען אין א שעהנעם, העלען טאָג א גרויסער מאַן.

— ר' אליה, לאָזט מיך אַריין צו דער פּלומפּ. ס'פערד פּגר'ט פאַר א קאַלימען טרונק — רעדט דער יונג פון פערד.

— מאָרגען באַלד אינדערפריה קום איך קעהרען דעם הויף, אַזוי זאָל איך געזונד זיין. אוהר קאָנט איבערלאָזען פאַר מיר דעם בעזעם אין קאָרידאָר.

— די האַלטסט קיינמאָל נישט קיין וואָרט — קאָן איך דיר גלייבען? צולייב דיר א פּראָטאָקאָל און דערצו אזא שאַנדע. אין ר' אליה'ס הויף — א פּראָטאָקאָל פאַר אונרייניקייט.

— זאָל איך שטאַרבען צו איך משקען אייך, ר' אליה!

— אַנדערע פערדס־יונגען צאָהלען צו דריי קאָפּיקעס א וואָך און בלויז פאַר דיר האָב איך געמאַכט אַנ'אויסנאַהם. ביזט א שטאַרקער יונג — אַרבייט אָפּ דעם זעקסער. יעצט גייעסטו און פיהרסט מיך אַריין אין אַזא באַר.

— ר' אליה, ס'איז א רחמנות אויף א חיה. אוהר זענט דאָך עפּעס אַנ'אייגענער יוד. גוט א קוק, ווי מיין אינגער לעקט שוין דעם זאַמד. ער טאַמעלט.

— ס'וועט דיר נישט העלפען קיין צופּוצען צו מיר. ווער וועט פאַר מיר בעצאָהלען די דריי רובעל קאַרע? רו?

— די פּאָליציע קאָן אייך צווינגען צו לאָזען אָנפּאָיען א פערד — ווערט דער יונג אין כעס.

— ווערסטו מיך אפשר פיהרען צום פּאָליצמייסטער. וואַ־ק־אָס?

ר' אליה טענה'ט נאָך איין מאָל'ן יונג א פּאָר מינוט און נאָכדעם, ווי דער יונג שווערט זיך, אז ער וועט שוין קומען פּונקטליך און צו דער צייט, גיט ער ביין א וואָרטשע און לאָזט אוהם ענדליך אַריין מיט'ן הילצערנעם קובעל צו דער פּלומפּ.

———080———

נאָכדרוקען פערבאָטען

ראַקעטען

א זאַמלונג קאַלאַמבורען

פון אמיק (לאָדז)

פּאַרהאַן קריטיקער, וואָס זיצענדיג אין הערהיים מאַכען זיי זיך א פאָרשטעלונג פון דער — פאָרשטעלונג...

א שוואַכער דענקער איז נישט קיין שטאַרקער — דענקער...

עס איז ביי אונז בעסער נישט אָנצונעמען קיין צו שאַרפע שטעלונג, אז נישט נעהמט מען — זיצען...

יודען זענען די גרעסטע ערפינדער: קיינער קען נישט אַזוי אויסגעפינען פערשיידענע טיטלען, ווי אַזוי אַרויסצוקריגען א — גמילות־חסד...

א צייטונג קאָן זיין אָנגעפּולט מיט נייעסען און פאָרט זיין א — פּוסטע צייטונג...

ביים חכם איז דאָס רעדען אַזוי, ווי געלד: די ווערטער זענען ביי אוהם — „געצעהלטע"...

מיט א סך שעהנע ווערטער קאָן א פרוי נישט אַזוי געפעלען דעם מאַן ווי מיט איין שעהנעם — שמייכעל...

יום־כפור ווערען יודען מאַטעמאַטיקער: רעכענען מאַכען זייער אַלע א חשבון — הנפש...

די וואונדערליכע געשיכטע מיטן פראגער גולם

(איבערדערצעהלט פערשידענע נסחאות)

פון יוסף פוקס

(המשך)

אין יענער צייט איז געווען בערימט איבער דער וועלט דער גרויסער גאון ר' יעקב גינצבערג מק"ק פרידבערג, און ער האט זיך גערעכענט אלס צווייטער גאון צום מהר"ל. ער איז געווען א גרויסער חכם און שפראכען קענער. ער איז אויך געווען דער רבי פון'ם גאון בעל תוספות יו"ט. צוליב דעם האט ער יונגער פירשט בעשלאסען צו פאהרען צום גאון ר' יעקב גינצבערג, ער זאל איהם מגייר זיין. ווי נאר ער איז געקומען האט ער נישט הן געווען ביים גאון. ער האט איהם מגייר געווען, און א נאמען געגעבען „אברהם ישורון". א געוויסע צייט האט ער געלערנט אונטער גאונ'ס אויפזיכט — נאר אזוי ווי דער גאון איז געווען זעהר פערנומען, האט ער איהם איבערגעשיקט קיין אמסטערדאם אין דער ישיבה אריין און ער האט איהם געגעבען א זעהר פיינעם בריף, אז ער איז א זעהר וואוילער יונגערמאן מיט א שאר פען מוח, און ער האט אויך צוגעשריבען אז ער איז זיינער א קרוב, א קוזין. אין דעם בריף בעט ער דעם ראש ישיבה, אכטונג צו געבען אויף איהם מיט בייזע אויגען.

ווען ער האט זיך געזעגענט מיט'ן גאון, האט ער איהם אנגעזאגט: אז ווען מען וועט דיר רעדען א שידוך, זאלסטו האבען דעם סימן, אז די כלה איז דיין זיווג פון הימעל: אויב מען וועט דיר זאגען, אז די כלה איז א מיוחסת, זי שטאמט ארויס פון דער משפחה פון הגאון גינצבערג, זאלסטו וויסען, אז דאס איז פאר דיר. אויך האט ער איהם געראטען נישט צו דערצעהלען קיינעם, אז ער איז א גר, נאר ער שטאמט פון דער פאמיליע „ישורון" פון בוקארעשט.

ווען אברהם איז געקומען קיין אמסטערדאם און געזעהען דעם בריוו צום ראש ישיבה, האט ער איהם זעהר מקרב געווען און ער אליין האט געלערנט מיט איהם תורה. אברהם האט געלערנט מיט גרויס התמדה און חריפות, און האט זיך געמאכט א נאמען אלס דער „עלוי פון בוקארעשט". פון צייט צו צייט פלעגט ער פאהרען קיין ווענעציע איבערנעהמען דעם בריף און אויך אוועקשיקען, כדי דער אטער זאל באמת מיינען, אז ער שטודירט אין ווענעציע.

4.

צוויי פערטוישטע קינדער

קיין פראג זענען אמאל אריבערגעקומען צוויי ארימע יתומים פון רומעניען, און ביידע האבען זיי געזוכט ארבייט צו פערדינען אויף א שטיקעל ברויט. דער נאמען פון ביידען איז געווען „בערל". נאר אזוי ווי איינער איז געווען א שווארצער און דער צווייטער א רויטער, האט מען זיי טאקע גערופען איינעם בערל דער שווארצער, דעם צווייטען — בערל דער רויטער.

דורך א זעהר קורצער צייט האבען זיי זיך בעליבט געמאכט ביי אלעמען אין פראג, אלס פיינע און הויפע־ארענטליכע מענשען. עס איז אוממעגליך איבערצוגעבען די אויסערגעוועהנליכע ליבע און פריינדשאפט, וואס האט געהערשט צווישען זיי. מיט אלץ האבען זיי זיך געטיילט, ווי ברידער. אין שטאט האט מען געמאכט אביסעל געלד פאר זיי, געגעבען זיי פיינע שדוכים און חתונה געמאכט, ווי ביי לייטען. אפילו נאך דער חתונה האבען זיי זיך נישט געקענט צושיידען. און זיי האבען בעשלאסען צו האנדלען בשותפות. פערשיידענס האבען זיי אדורכגעמאכט און איבערגעלעבט, אבער דאס מזל האט זיי געשפילט, און זיי האבען אלץ בעגליקט.

במשך פון א קורצע צייט האבען זיי פערדינט גרויסע סומעס געלד ביי אקסען און זענען געווארען די רייכסטע אקסען הענדלער פון דער גאנצער געגענד. זיי האבען זיך געקויפט א פראכטפולע הויז, ווי עס פאסט פאר אזעלכע נגידים — און זיך געלעבט גליקליך.

מיט אלץ האבען זיי זיך געקענט אויסגלייכען, אבער מיט איין זאך נישט, און דאס איז געווען וועגען קינדער. דער רויטער בערל האט געהאט געזינגע זיהן און טעכטער, וועלכע האבען זיך ליבע ערצויגען, און דער שווארצער בערל, האט געהאט בלויז טעכטער, שיינע און קלוגע. נישט קוקענדיג אויף דעם, האבען אויף די ווייבער צווישען זיך געלעבט בשלום, און זאגאר בענייצט איין דעם הייבאם, וועלכע מען האט גערופען „אסתר". אסתר די הייבאם האט שטארק מיטגעפיהלט מיט'ן שווארצען בערל'ס ווייב, זי האט בעגריפען איהר אנגעווייטאגט הארץ, און פון גרויס רחמנות האט זי איהר געוואלט עפעס א טובה טון, אז אייד זי, דעם שווארצען בערל'ס ווייב, זאל זיך קענען בערימען פאר איהר מאן — אז גאט האט צוגעשיקט איהר שאנרע און וועהטאג און האט אויך איהר געגעבען זוהן.

מאכט זיך א מעשה, אז ביידע ווייבער האבען צוזאמען און איין צייט פערשוואנגערט, און ווי נאר די הייבאם האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי שוין געמאכט פערשיידענע פלענער און איהרע געדאנקען, ווי אזוי צו בעגליקען דאס ווייב פון שווארצען בערל. זי האט געטראכט צו פערטוישען די קינדער, אויב זיי וועלען געבוירען ווערען און אין איין צייט און עס איז איהרע ווילכטיג געווען, וואס די קינדער וועלען זיין, ווייל דעם רויטען בערל'ס קינדער זענען געווען געזונטע און שטארקע.

זי האט שוין געווארט אומגעדולדיג אויף דעם מאמענט — און עס איז געשעהן. דעם רויטען בערל'ס ווייב איז ענטבונדען געווארען א נאכט פאר דעם שווארצען בערל'ס ווייב, און ביידע האבען געהאט קינדער זכרים־יונגלעך. די גדולה און שמחה, וואס איז געווען ביי ביידען, און בפרט ביים שווארצען בערל, איז אוממעגליך צו בעשרייבען ער און דאס ווייב האבען זיך געפיהלט אומבערגליקליך. אויפ'ן דריטען טאג, ווען קיינער איז נישט געווען אין הויז און ביידע קימפעטארינס זענען געשמאק געשלאפען. האט גענומען אסתר די הייבאם און פערטוישט די קינדער. און אזוי ווי ס'איז זיי נאך שווער געווען צו אונטערשיידען, האבען די מאמעס זיך נישט געכאפט, אז יעדע איינע זויגט א פרעמד קינד, די הייבאם האט געפיהרט א טאג־בוך, וואס פלעגט פערשרייבען אלע פאסירונגען, האט זי אויך די פאסירונג פערשריבען, און בעמערקט, אז זי האט עס געטון מיט איהר איינענעם ווילען אויס רחמנות ווענען, צו די ווייב פון דעם שווארצען בערל.

יאהרען זענען אוועק, וואסערן האבען אויסגעטריקנט, פערשיידענס איז במשך פון דער צייט פארגעקומען, און די צוויי מאמעס האבען געקוואלען און זיך געקויקט מיט זייערע פרעמדע פערטוישטע זיהן. די קינדער זענען דערוואקסען געווארען און די עלטערן האבען געהאט אויף נחת. דערווייל איז די הייבאם פלוצלינג אוועקגעשטארבען — און איהר טאכטער האט איבערגענומען איהר פלאץ. מיט'ן טאג־בוך פון איהר מוטער האט זי זיך נישט פעראינטערעסירט, נאר זי האט איהם אוועקגעלעגט אין קעלער מיט אנדערע נישט נוצבארע זאכען.

ביידע בערעלעך האבען תנה געמאכט זייערע קינדער, און געטון זעהר פיינע שדוכים. איינמאל האבען זיי זיך דורכגעשמועסט וועגען משדך זיין צווישען זיך. אזוי ווי דער שווארצער בערל האט געהאט א זעהר געראטענעם בן־יחיד, און דער רויטער בערל א געראטענע טאכטער וואלט געווען מעהר ווי גלייך אלס גוטע פריינד און שותפים זיך משדך צו זיין. דער פלאן איז זיי זעהר געפעלען — און אויך חתן־כלה האבען צוגעשטימט.

מיט גרויס גלאנץ און פראכט זענען געפראוועט געווארען די תנאים. עס איז געווען א יום טוב פון דריי טעג, מיט מוזיק מענץ און טייערע מאכלים און עס איז בעשטימט געווארען מיט מזל א זמן החתונה.

(ענדע קומט).

וואטאליך

נאר די בעסטע קוואליטעט צו די ביליגסטע פרייזען ביי

Edmund Boksleitner

Sienkiewicza 79,
tel. 141-79.

אונזער פערטיידיגער איז דער ווי'גלט

(ענדע פון זייט 7)

האט דער אלטער געלערנטער גענומען נעהמען דעם וואנדער־שטעקען און עוקר זיין פון דעם לאנד וואו ער האט אזוי פיל יודישען צער געזעהן... און האט שוין געהאלטען ביי דער גרויסער נהמה...

איז זי נישט געקומען פאר'ן אלטען יודישען געלערענטען.

אינזערע יעווסעקען האבען קיינמאל נישט גערופען דעם אלטען געלערענטען צוריק אהיים. פערקעהרט — זיי האבען ארויסגעשיקט זייערע פוקסלעך צו בעליידיגען און צו בעשמוצען דעם אלטען געלערענטען.

קענען די רוסישע קאמוניסטען איבערטראגען די בורזשואזע פסיכאלאגיע פון פראפעסאר פאוולאוו, קענען זיי איסשטעהן זיינע בורזשואזע קאפריזען, זיי קענען עס, ווייל זיי ווילען האבען ביי זיך דעם גרויסען געלערענטען. ביי אונז האבען די יעווסעקען געוואלט, אז דער געלערענטער זקן דובנאוו זאל אויסשטעהן דווקא די קאפריזען פון א ליטוואקאוו, אדער אנ'ארשאנסקי.

איז ער געקומען אין דער פרעמד האט ער קיין מינוט געבטל'ט, זיך באלד אוועקגעזעצט צו דער ארבייט, פרוש, מוגמר. זוכער און פעסט ווי אין די פריהערדיגע יאהרען.

אין אין דער פרעמד שטעהט ער נאך העכער צום יודישען לעבען, צום עכטען יודישען לעבען ווי אמאל, ער איז מיט אלע יודישע ישובים פערבונדען, און אלע יודישע נייע אויפטואונגען איז ער דא.

ער גרייט צום דרוק מיט יוגענדליכען ברען א ניי בעארבייטע געשיכטע פון צעהן בענדער.

עס געהט איצט ארויס אין דריי שפראכען די געשיכטע פון חסידות. איינס פון די בעסטע ווערק אויף דעם דאזיגען געביט.

און ער האט צייט וויטער פאר'ן לעבען מיט'ן לעבען; הערט איהר פון איהם אפט אין יודישע צייטונגען, זעהט איהר איהם טעטיג אין דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט און אין אנדערע יודישע קולטורעלע און וויסענשאפטליכע אויפטואונגען.

א לעבעדיגער, טעטיגער און שאפענדיגער יוד און אלץ וואס ער טוט איז פיל מיט לעבען מיט פרויענדיגער יודישער ענערגיע, מיט יודישען מוט און מיט יודישען גלויבען.

איז ער צו 70 יאהר אזוי יונג און אזוי טעטיג ווי ער איז געווען מיט יאהרען צוריק.

ער איז אונזער היסטאריקער, ער איז אונזער יודישער מענש, דער שעהנער יודישער מענש פון מזרח־אייראפעאישען יודענטום.

זאל ער אונז לאנג, לאנג לעבען און שאפען!

אמת'ן גוטען וויין

קויפט מען נאר ביי

מ. בארנשטיין

נאוואמייסקא 30 טעל. 210-58.

איינשטיינ'ס כאראקטער

מערקווירדיגע נייע שטריכען

בעוואוסטער שרייבער שילדערט, ווי אזוי איינשטיין לעבט און ווי אזוי ער ארבייט. — ער פאהרט קיינמאל נישט אין קיין טעקסי. — זיין הויז איז ארים מעבלירט. — ער ענטזאגט ריזיגע סומען. וואס צייטונגען באטען איהם אן פאר ארטיקלען. — ווער איז דער בעשיידענסטער מענש אויף דער וועלט.

ווענען פראפעסאר איינשטיין איז שוין א סך געשריבען געווארען. נישט נאר וועגען זיינע געניאלע טעאריעס וועגען הימעל און ערד זענען שוין דא גאנצע ביבליאטעקען מיט ביכער, נאר אויך וועגען איהם און זיין כאראקטער, וועגען זיין פריוואט־ און פאמיליען־לעבען איז שוין אהן א שיעור געשריבען געווארען.

אין „טיימס" דערצעהלט איצט א שרייבער וועגען איינשטיין דעם מענש, איינשטיין דעם שטילען, דעם בעשיידענעם, דעם וואונדערליך הארציגען און פאעטישען.

ווען דער שרייבער איז אריינגעקומען צו איינשטיינ'ען אין שטודיר־צימער, איז ער געווען ענטוישט, וואס ער האט דארט נישט געפונען קיין אסטראנאמישע, אדער אנדערן וויסענשאפטליכען אינסטרומענט.

ער האט אין איינשטיינ'ס צימער געפונען אנ'איינפאכע ביורקע, פערווארפען מיט פאפירען און זשורנאלען. אויך זיין ביכער שאפע איז געווען אנגעפאקט, אהן יעדער אָרדנונג, מיט פערשיידענע פאפירען, זשורנאלען און ביכער. אויף די ווענט העגנען בילדער פון פילאזאף שאפענהויער, פון קינסטלער מיהעל אנדזשעלא און פון ניוטאן און פאראדעי. דאס זענען די גאנצע מעבעל און איינשטיינ'ס שטודיר־צימער.

איינשטיין וואוינט אין אנ'איינענער ווילע, אין א בערלינער פאר־שטעטעל. די גרעסטע מעלה, וואס דאס הויז האט פאר איינשטיינ'ען איז, וואס עס ליגט אויף א הויכען וואלדיגען ארט, ביים ברעג פון א טייך. איינשטיין האט אנ'איינענע שיפעל און שעה'ן לאנג קען מען איהם זעהן זיצען אין זיין שיפעל אויפ'ן טייך, שטיל, אונבעוועגליך, ווי פערזונקען אין טיפע חלומות. דארט, אויף דעם שיפעל טרוימט ער אויס זיינע וואונדערליכע פאנטאזיעס וועגען נאטור אוניווערזן, און פון די פאעטישע טרוימען ווערען דאן טיפע, רעוואלוציאנערע וויסענשאפטליכע טעאריעס, וואס צוטרייסלען די שטארקסטע פונדאמענטען פון דער וויסענשאפטליכער וועלט.

ווען איינשטיין רעדט מיט א מענשען, האלט ער אין איין שמייכלען. זיין שמייכעל איז שטיל, שעהמעוודיג, ווי ביי א קינד, וואס רעדט צו דערוואקסענע מענשען. ער איז איצט אלט 51 יאהר, אבער מאנכע קענען מיינען, אז ער איז 60, און אנדערע קענען מיינען, אז ער איז 16 יאהר אלט. צוליב זיין מערקווירדיגען שמייכעל איז אוממעגליך צו טרעפען זיין ריכטיגען עלטער.

אבער נישט קוקענדיג אויף זיין נאאיווען, קינדישען אויסזעהן, זאגט דער שרייבער, מאכט ער דעם איינדרוק פון א ריזיגער נאטור־קראפט, ריכטיגער געזאגט: ווי א מערקווירדיגער אומבעגרייפליכער נאטור־וואונדער. מען פיהלט אין איינשטיינ'ס געגענווארט דאסזעלבע, וואס מען פיהלט ווען מען שטעהט פאר א הויכען בארג־ריז, אדער פאר'ן ניאגארא־פאל...

זיין הויז איז זעהר בעשיידען מעבלירט. נאר די נויטיגסטע זאכען געפינען זיך דארטן קיין שום לוקסוס, קיין שום זאכען צוליב „דעקאראציע" לאזט פרוי איינשטיין נישט אריין אין איהר היים, ווייל אזוי איז דער וואונש פון איהר מאן. און אנ'איינפאכער, בעשיידענער אומגעבונג פיהלט ער זיך אם בעסטען.

ווי אזוי ארבייט פראפעסאר איינשטיין? ווי אזוי בויט ער אויף זיינע ריזיגע מאטעמאטישע וועלטען, וועלכע זענען נישט קלענער, ווי דער אוניווערז אליין?

אנאהענטער קרוב פון גרויסען גאון האט דאס אזוי ערקלערט: „איינשטיין ארבייט, ווי א קינסטלער. צוערשט דערזעהט ער די אונערליכע ליניעס פון א גרויסער אידעע, פון א גרויסען פלאן. ער דערזעהט מעהר מיט זיין פאעטישען חוש, מיט דער פאנטאזיע, ווי מיט'ן קלארען געדאנק. אבער אזוי שנעל ווי ער האט די אונערליכע ליניעס פון דער אידעע, ווארפט ער זיך מיט לייב און לעבען אריין אין דער ארבייט אויפצובויען א גאנצע סיסטעם, א ריזיגע געדאנקען־בנין, און בעת ער ארבייט איז ער, ווי א מענש וואס איז קראנק אויף פיבער. זיין קערפער קריגט א הויכע טעמפעראטור, זיינע באקען פלאמען, ווי ביי א טיפוס־קראנקען, זיין דופק קלאפט זעהר שנעל און זיינע אויגען בעקומען אנ'איבערערדישען גלאנץ. אין אזא צייט פון נעסטיגער אנגעגליהטקייט איז איינשטיין נערוועז און אומגעדולדיג, הגם אין געוועהנליכע צייטען איז ער דער ליבליכסטער און גוטהארציגער מענש, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. ווען די שאפענדע קראפט צושפילט זיך אין איהם, ענטוויקעלט זיך אין איהם א מערקווירדיגע פעהיגקייט צו אבזונדערען זיך פון דער גאנצער וועלט און צו בלייבען פֿולשטענדיג אליין, אפילו ווען ארום איהם זאל די וועלט זיך איבערקעהרען. ער קען זיך דאן געפינען צווישען מענשען און ער זאל קיינעם נישט בעמערקען, און דער גרעסטער טומעל ארום איהם שטערט איהם נישט דורכצופיהרען געניי און אהן א טעות די שווערסטע מאטעמאטישע און אסטראנאמישע אויסרעכנונגען. אין אזא צייט שלאפט ער כמעט גארנישט.

אז מען פרעגט איינשטיינ'ען, וואס אדער ווי אזוי ער ארבייט, ענטפערט ער אלע מאל מיט „מען": מען ארבייט, מען רעכענט, מען פיהלט א גרויס פערגעניגען ביי דער ארבייט, עס איז שווער אפצוגעבען זיך רעכענשאפט פון דאס, וואס „מען" טוט. און אז. וו. ער אליין טוט גארנישט. „מען" טוט.

אפילו ווען מען רעדט צו איינשטיינ'ען וועגען זיין גרויסען טאלאנט צו שפילען פידעל, זאגט ער אויך, אז „מען" האט ליב דאס פידעלע, ווייל די מוזיקאלישע געזעצען זענען ענג פערבונדען מיט די מאטעמאטישע כללים.

פריינד דירעקט פון הארצען רעדט איינשטיין נאר דאן, ווען מען רירט אן די פראגע פון איינביגען שלום.

איינער פון איינשטיינ'ס כאראקטער־שטריכען איז דאס, וואס ער האלט זעהר ווענינ פון געלד. ער וואלט היינט געקאנט זיין א נגיד, אויב נישט טאקע א מיליאנער, ווען ער זאל געוואלט „קאפיטאליזירען" זיין וועלט־בערימטען נאמען. אבער איינשטיין זוכט נישט צו שלאגען קאפיטאל פון זיין נאמען, און ער בעגנוגענט זיך מיט דעם קארגען געהאלט, וואס ער קריגט פון דער פרייסישער רעגירונג אלס פראפעסאר אין בערלינער אוניווערזיטעט.

א דייטשער זשורנאל האט אנגעבאטען איינשטיינ'ען טויזענד מארק פאר דער ערלויבניש איבערצודרוקען איינע פון איינשטיינ'ס רעדעס. אבער איינשטיין האט דעם אנגעבאט צוריקגעוויזען מיט דער בעמערקונג, אז די רעדע איז א שלעכטע און זי איז נישט ווערט דעם פרייז... דער זשורנאל האט זיך אבער אויף איהם אנגעזעצט, אז ער האט קיין רעכט נישט צו לאזען זיין רעדע פערגעסען ווערען, און איינשטיין האט ענדליך איינגעוויליגט צו „פערקויפען" זיין רעדע דעם זשורנאל, אבער מיט'ן בעדינג, אז דער פרייז זאל זיין נישט טויזענד מארק, נאר 600 מארק, ווייל מעהר איז זי נישט ווערט...

ווען אנ'אמעריקאנער זשורנאל האט דערוועהן, אז איינשטיין „פערקויפט" שוין ארטיקלען צו זשורנאלען, האט ער איהם גלייך אנגעבאטען א ריזיגע סומע פאר א סעריע ארטיקלען, וואס איינשטיין וועט פאר איהם שרייבען. די סומע איז געווען אזא ריזיג גרויסע, אז אנ'אנדערן וואלט פון איהר אנגעהויבען שווינדלען אין קאפ, אבער איינשטיין איז נישט נתפעל געווארען ער האט דעם אמעריקאנער זשורנאל גלייך געענטפערט, אז ער בעטראכט עס פאר אנ'אומפערשעמטע בעליידיגונג, אז מ'ה ם, איינשטיינ'ען, אנצובאטען פאר א פאר ארטיקלען אזא גרויסען פערמעגען, ווי ער וואלט געווען א באקסער, אדער א פילם־סטאר...

איינשטיין פיהלט זיך בעליידיגט און געקרענקט פון יעדען פערזוך, וואס אימיצער מאכט צו בעהאנדלען איהם אנדערש, ווי מען בעהאנדעלט אנדערע מענשען. ער פאהרט קיינמאל נישט אין קיין טעקסי, ווייל ער וויל נישט זיין אנדערש, ווי דער אלגעמיינער עולם. אויף זיין רייזע קיין אמעריקע האט איהם די שיף־קאמפאני אנגעבאטען א גאנצען „אפארטאמענט" אין ערשטער קלאס, אבער איינשטיין האט עס צוריקגעוויזען און איז געפאהרען דריטע קלאס.

איינשטיין איז א מיטגליד און א קאמיטעט פון פעלקער ליגע. פאר'ן אפפאהרען קיין זשענעוו איז ער אמאל געגאנגען קויפען א באהן־בילעט. ער איז געגאנגען אהן א הוט און א לייכטער ווינד האט זיך געשפילט מיט זיינע ווייסע צושויבערטע האר. אויפ'ן גאנצען וועג זענען געשטאנען צוויי לאנגע שורות נייגעריגע מענשען, וואס האבען אויף איהם געקוקט מיט ליבשאפט און בעוואונדערונג — אזוי פאפולער איז איינשטיין אפילו ביי די איינפאכסטע מענשען. ווען ער איז געקומען אין ביורא, האט ער זיך געכאפט, אז ער האט ביי זיך נישט גענוג געלד פאר א באהן־בילעט קיין זשענעוו. די בעאמטע האבען איהם געוואלט געבען דעם בילעט אויף קרעדיט, אבער איינשטיין האט זיך ענטזאגט. עמיצער האט איהם געוואלט אויסלייהען די פאר מאר"ק, וואס דאבען איהם געפעהלט, האט איינשטיין מיט א שמייכעל בעדאנקט און [illegible]. אי־בער[illegible] דאס געלד, וואס ער האט ביי זיך געהאט, האט ער געמאכט א טעות אין חשבון און ער האט א זאג געטאן מיט א שמייכעל: „איצט זעהט איהר שוין, וואס פאר א גרויסער בעל חשבון איך בין!"...

דער שרייבער פון ארטיקעל אין „טיימס" איז אוועקגעגאנגען פון איינשטיינ'ען מיט'ן איינדרוק, אז דער קליינער, אלטער יודישער פראפעסאר איז נישט נאר דער גרעסטער געלעהרטער פון אונזער דור, נאר ער איז דער בעשיידענסטער מענש אויף דער וועלט.

—:0:—

פערשאלטען בלוט

גרויסער שפאנענדער ראמאן פון דער היינטיגער צייט

(45 פארטזעצונג)

קלארא ראזען האט מיר צוגעזאגט איהר מיטהילף. זענט איהר א פריינד פון דער דאזיגער דאמע, בעט איך אייך איהר זאלט מיר ענטשולדיגען, אויב איך האב אייך בעליידיגט. זאלט איהר אבער נישט האבען בעקומען פון פריילין ראזען קיין שום אויפטראג, בעט איך אייך, אז איהר זאלט פערלאזען מיין הויז! — האט בעלא ערקלערט.

— אייער וואונש, גנעדיגעס פריילין, איז ביי מיר א בעפעהל. איך האף זיך מיט אייך צו זעהן אין הויף פון באנקיר ראזען, — האט דער יונגערמאן געענטפערט. ער האט זיך דאן טיף פערנייגט און פערלאזען דאס הויז.

— גאט אין הימעל, איז דאס דאזיגע מיידעל שעהן! א גאנצע וועלט ליגט דאך אין איהר גליק! — האט ער צו זיך אליין אויסגערופען און זיינע אויגען האבען געפלאמט פאר בושה.

ער האט צוגעבראכט ביידע הענד צו דער ברוסט, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז דאס הארץ זאל איהם נישט ארויסשפרינגען פאר פרייד.

— אך, ווי איך האב אויסגעזעהן אין איהרע אויגען! איך גלויב, אז מיין האלטונג לגבי איהר האט אויסגעזעהן, ווי א שול־יונגעל לגבי זיין לעהרער! איהר בליק מאכט מיך משוגע געמאכט! מיין גאט, ווי איז דאס מעגליך, אז זי זאל האבען אויף מיר אזא געוואלדיגען איינדרוק געמאכט? אבער איינס איז זיכער: זי איז אונשולדיג און אויך איהר פאטער טראגט אויף זיך קיין שום שולד נישט! און זאל די פאמיליע ראזען נישט קומען איהר צו הילף, דאן נעם איך זי אין מיין שוץ אריין! — האט ער אויסגערופען.

די בלויזע האפנונג, אז ער וועט זי נאכאמאל זעהן, האבען איהם אוועקגעטראגען פון דעם ארט.

צומאכענדיג הינטער זיך די פורטקע פון גארטען, האט ער נאך געווארפען א בליק אין דער זייט צום הויז צו און אויסגערופען:

— דאס איז אנ'אמת'ער מלאך!

• • •

דער רעסטאראן „צו דער לבנה" האט פערנומען א גרויסען אונענדליך לאנגען קעלער, וואס איז זעהר שוואך בעלויכטען. אלע טישלעך זענען געווען בעזעצט און אין דער לופט האט געהאנגען א וואלקען רויך פון פאפיראסען און ציגארען צונויפגעמישט מיט א שארפען ריח פון אלקאהאל. די געסט ארום די טישלעך — לויטער בונטע פערשוינען מיט פערדעכטיגע פנימער און פערברעכערישען אויגען.

צווישען דער גאנצער געזעלשאפט, וואס האבען זיך געפינען אין דעם דאזיגען פערברעכערישען נעסט, האט זיך נישט געפינען איינער, וועלכער זאל אמאל נישט האבען בעשטראפט געווען. יעדעס פנים האט געטראגען אויף זיך זיין פערגאנגענהייט.

אויך דער בעל־הבית פון לאקאל האט לויט'ן אויסזעהן נישט געמאכט קיין איבעריג גוטען איינדרוק. זיינע שטעכעדיגע בליקען האט ער כסדר געווארפען צו די געסט, וואס זענען געזעסען ארום די טישלעך, ווי ער וואלט מורא געהאט, אז זיי וועלען איהם אנטלויפען.

פלוצלינג האט זיך די טיר אויפגעלאכט און ס'איז אריינגעקומען א מאן מיט א פלאמענדיג געזיכט און בלישטשענדיגע אויגען. שנעל איז ער צוגעלאפען צום בעל־הבית פון לאקאל און יענעם עפעס איינגעשעפטשעט אין אויער אריין.

— נאטירליך זענען זיי דא, דארט הינטען ביים טישעל, וואס שטעהט הארט נעבען דער וואנד, זיצען זיי אלע ארום. — האט דער בעל־הבית געענטפערט.

— אבער וואו ביסטו אזוי לאנג געווען? זיי ווארטען דאך אויף דיר שוין מעהר ווי א שעה צייט, — האט ער צוגעגעבען.

— נו, גוט. איצט האב איך קיין צייט נישט. זאג מיר נאר, קען מען זיך פערלאזען אויף דער פרוי שולץ? — האט ריינהארד א פרעג געטון.

— ברויכסט עפעס פון איהר? — האט ער געפרעגט.

— דאס געהט דיך נישט אן. דו דארפסט מיר נאר זאגען, אויב מען קען זיך אויף איהר פערלאזען.

— נאטירליך! ווען דו ציילסט מיט איהר, דאן איז א סימן, אז דו האסט מיט איהר שוין לאנג קיין געשעפט נישט געמאכט? — האט זיך דער ווירט צולאכט.

— יא, דאס איז אמת, איך בין שוין מיט איהר גאנץ לאנג נישט צוזאמענגעקומען. אלזא, דו מיינסט, אז מען קען זיך נאך אויף איהר פערלאזען?

— פערשטעהט זיך! אבער זאג מיר נאר, ריינהארד, וואו האסטו אגבערגעלאזען דעם פיינעם אנצוג, אין וועלכען דו ביסט היינט אין דער פריה ביי מיר געווען? מיר דאכט זיך, אז פון איצט אן וועסטו פערברענגען אין בעסערע וויין־שטובען? — האט דער בעל־הבית ערנסט א זאג געטון.

— אך, לאז מיך צורוה! שיק מיר נאר ארויף צום טישעל עטליכע פלאשען פון בעסטען געטראנק! — האט ריינהארד, דער קעלנער פון גראף קארל ריינפעלד, געזאגט און זיך שנעל געלאזט געהן צום הינטערגרונד פון לאקאל.

— האלא! האלא, ריינהארד!

(פארטזעצונג קומט).

חוזק
הומאר און סאטירע לכבוד סוכות
צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

אושפיזין
פון גראה כאלי.

די סוכה גלאַנצט אין גרינעם סכך,
די שטערען פינקלען דורכ'ן דאך
אויף קאַרפּען-קעפּ און ריזען...

איך זיץ אין סוכה און איך דענק
די פעלקער ווייסען דאָך א טרענק
דעם טעם פון די „אושפּיזין"...

דאָס ווייס א יוד. א יוד אליין
א פאָלק פון וואַנדערן און געהן
אויף אלע זומפּען, וועגען.

נאָר ער פערשטעהט און פיהלט דעם טעם
פון מאָהלצייט ביי דעם שטערן-פלאַם
אין שטורעם-ווינד און רעגען...

א גוי פערשטייט, א גוי נאָר קאָן,
צו בויען הייזער פון בעטאָן
מיט הויכע — טורעם — גלאָקען.

א יוד – ער דאַרף דאָך נישט קיין סך
א מילטער און א ביסעל סכך,
א פענסטער און א פלאַקען...

א יהי רצון
וואָס א גנוו. דעפּוטאַט זאָגט ארויסגעהענדיג פון סוכה

„יהי רצון", זאָל זיין דער ווילען, „כשם", אזוי ווי איך בין שוין געזעסען אין סוכה, זאָל פערעכענט ווערען, „כאילו" — גלייך ווי איך וואָלט שוין געזעסען אין „קוצקע".

צווישען כלה-מעדלעך

זי קליבען שוין? פּאַנאַ רוזשאַ.
יא, דעם 5-טען.
דעם 5-טען נאָוועמבער?
ניין דעם 5-טען חתן.

זמן שמחתנו

נישט אומזיסט הייסט סוכות „זמן שמחתנו":
מ'בויט זיך א סוכה, און מ'בעצאָהלט נישט קיין „פּאַדאַטעק א ניערוכאָמאָש-טשי".
אין סוכה קומען נישט קיין בעלי חובות, סעקוועסטראַטאָרן, קאָמאָרניקעס און אנדערע שלעק.
אפילו א דראַנג זוכט מען מיט ליכט

לייב שטאַבינסקי

נישט צופרירעדע
א סוכות-חכמה

וועלכע מענער זענען נישט צופרי-דען, וואָס די ווייבער עסען נישט אין סוכה?
גנבים.

לייב שטאַבינסקי

ווי א יון אין סוכה

ווי זעהט אויס א יוד, וואָס בענטשט אין דער סוכה איבער א „יונישען" (קאָר-פּירער) אתרוג?
ווי א יון אין דער סוכה.

מ. וועליגפעלד

פון א פועלי-ציוניסטישע וואָהל-רעדע

מיר פערלאַנגען רעליגיעזע פרייהייט ד.ה. מיר זאָלען זיין פריי פון רעליגיע.
מיר פערלאַנגען פרייהייט פון וואָרט, ד.ה. מיר זאָלען זיין פריי פון האַלטען וואָרט.
דעריבער חברים, לאָזט מיך נישט בחנם צוויי שעה נודזשען ובא לציון „נאָפּשאַד" ו' „דעליציאַ" ונאמר אמן.

א שטיקעל קהלת
געטייטשט פון „חוזק".

„לא תשבע עין לראות" — א פרוי ווערט נישט זאַט צו קוקען אין מאָדע-זשורנאַל
„כי כל ימו מכאובים" — א פערהייראַטער מאַן איז ס'גאַנצע לעבען אויף צרות
„גם בלילה לא שכב לבו" — אז מ'געט א פעקעל אויף וועקסלען, נעמט ניט קיין שלאָף
„עת לשחוק" — אז דו שטעלסט אויס א וועקסעל — לאַכסטו
„ועת לבכות" — און אז ס'קומט דער צאָהלונגס-טערמין — קלאָגסטו
„עת מלחמה" — דאָס מיינט מען די וואָהל-צייט
„ועת שלום" — עס איז דאָ א צייט, ווען מינצבערג מאַכט מיט בנימין רוס — „שלום"...
„הכל הולך אל מקום אחד" — ס'גאַנצע געלד פאַלט אריין אין דער „קאַסא סקאַרבאָווע"
„שמח בחור בילדותך" — הוליע בחור, ווי לאַנג דו געהסט נישט אין שפּאַן

שטאַבינסקי — האָניג פויגעל

אנשטענדיגע חתנים

אויף ביי היינטיגע צייטען זענען נאָך פאַראַן אַנשטענדיגע חתנים, וואָס היי-סען זיך נישט געבען קיין נדן.
ווער זענען די חתנים?
„חתן-תורה" און „חתן-בראשית".

לייב שטאַבינסקי

קליינע סוכות - אנאנסען

צו פערדינגען
א שטיק הימעל פאַר א סוכה
א הויז-ווירט

מעהלער געזוכט
א פאַר'מלחמה'דיגער גביר און היינטיגער קבצן, וועלכער האָט ניט וואָס צו לעגען אין מויל אריין, וויל געגען אָפּטרעט-געלד אָפּגעבען זיין אָרט אין סוכה.

איד זוך א וועכטער
וואָס זאָל היטען מיין ווייב אין שטוב, ווען איך זיץ אין סוכה.
נעביך א מאַן

פּאַראַטעס שאַכלאַווא

די איובאַ סקאַרבאָווא האָט ארויס-געגעבען א קאָמוניקאַט צו אלע אתרוג-בענשער, אז אזוי ווי מ'בענטשט איבער 4 מינים (אתרוג, לולב, הדס און ערבה) מוז יעדער, וואָס בענטשט אתרוג אָפּ-צאָהלען דערפון 4 שטייערן: אָבראָטאָווע, מאַיאָנטקאָווע, דאָכאָדאָווע און שאַק-לאָווע.

אתרוגים און ווייבער

די היינטיגע ווייבער זענען געגליכען צו אתרוגים.
דהיינו?
זיי זענען דאַר און אויסגעצויגען ווי א לולב. די דיקסטע סטאַרעט זיך צו זיין א „הדר". זענען גרין ווי אנ'אתרוג זענען שעהן און האָבען קיין טעם נישט.

געפּאַסטע סוכות

ווער קען היינט שטעלען די בעסטע סוכות?
די נאַדזאָרניקעס.
אז מ'קומט זיי מאָהנען א חוב, זאָ-גען זיי: רעד צו דער וואַנט, און ווייזען די טיר. א חוץ דעם קען מען ביי זיי נעמען א לעקציע ווי אזוי צו „שטע-לען".

לאָדזשער אתרוג-בענשער
ווי אזוי א לאָדזשער סוחר שאָקעלט מיט'ן לולב

א לאָדזשער סוחר טוט אזוי אתרוג-בענשען:
א שאָקעל אויף מזרח — ביי שייבלערן בין איך שולדיג 50 טויזענד זלאָטיס.
א שאָקעל אויף מערב: — פּאָזנאַנסקין בין איך שולדיג 40 טויזענד זלאָטיס.
א שאָקעל אויף דרום: — עטינגאָנ'ן — 20 טויזענד זל.
א שאָקעל אויף צפון: — און איין גאָט ווייסט —
א שאָקעל צו דער ערד — אז איך בין אין דער אדמה.

ציפּע צירעל

ציפּע צירעל איז א מיידעל אין די יאָהרען. הגם זי טראָגט א קורץ קליי-דעל און האַלט ביי זיך נאָך די „קאָלאַרן", פון דעסטוועגען האָט זי נאָך אין 1905 געהאַלטען מאַכען ניקאָלאַיען ארויס קאַ-פּעלוש-מאַכער... זי חלשט נעבעך צו קריגען א וואָלאָנטאַרענטשנע מאַן, און די קאַוואַליערען מאַכען זיך גע'פּגרט.
די היינטיגע וואָך איז זי געווען אויף א וואָהל-מיטינג, האָט זי געהערט, חי יונגע בחורים, פּלוט און מילך, האָבען זיך מיט טרעהרען אין די אויגען געבע-טען רחמים, מ'זאָל פאַר זיי אָפּגעבען די שטימען, האָט ציפּע צירעל נישט לאַנג געטראַכט. איז אוועק אין דער צייטונג און אויפגעגעבען פאָלגענדען אנאָנס:

א גליק שידוך

איך, א מיידעל, כמעט א סקראָמנע, איז גרייט צו שליסען א בלאָק מיט וועלכער פּאַרטיי ס'זאָל נישט זיין. איך האָב וואָהל-רעכט צום סיים און צום סענאַט. א יונגערמאַן אָהן אונטערשיד פון בעשלעכט בין איך גרייט אָפּצוגעבען מיין שטים, נישט אָפּזאָגענדיג אפילו מיט איהם צו געהען אונטער דער חופה.

אָפּערטען צום „חוזק" פאַר ציפּע צירעל

געהיימע הכנות
צו די וואַהלען אין לאָדז

דעם פּיפּיגען חוזק - רעפּאָרטער איז געלונגען צו ענטדעקען א געהיימע בע-ראַטונג פון לאָדזער „עסקנים". דאָס אָרט פון דער בעראַטונג האַלט דער רעפּאָר-טער בסוד (ווי מיר זענען זיך משער, האָט מען דעם רעפּאָרטער צוגעזאָגט א מאַנדאַט — די רעד.). דאָך דערוויסען מיר זיך, אז די בעראַטונג האָט געטראָ-גען א קאָנסאָלידאַציאָנס - כאַראַקטער, מחמת ס'זענען געווען פערטרעטען אלע ריכטונגען.
נאָכדעם ווי די פּערזאָנלעכע וואָרפען זיך אדורך מיט א פּאָר מינוטעס, ס'פּלי-העט א טיך בענקלעך אין דער לופט, עטליכע שויבען ווערען צוועצט אויף פּיצלעך און דער פעלדשער וויטאָנסקי פערבאַנדאַזשירט די צוזאַמעפּאַטע נעז מיט די צעשיילטע פּנים'ער, פעריכטען זיך די דעלעגאַטען די אַנעפּליקטע נאַגאַוויצעס, און עס ווערט בעשלאָסען ארויסצושטעלען א פערשטענדיגונגס-ליסטע צום סיים.

האָניג פויגעל

לכן, האָבען מיר בעשלאָסען זיך צו אָרגאַניזירען און אריינצוטרעטען אין ווירטשאַפטליכען בלאָק.
מיר פערלאַנגען, אז אונזער רעפּרע-זענטאַנט זאָל פערטיידיגען פאָלגענדע פּאָסטולאַטען:
1) פון היינט אָן אַרבייטען מיר ניט מעהר אויף „שטיק", נאָר אויף דער וואָך
2) א 2 וועכענטליכע קינדיגונג.
3) א חודש אורלויב.
4) אייגענע פּלים.
5) קוואַליפיצירטע בעלי מלאכות.
6) א מוהל מוז אָפּהאַלטען א האַנד-ווערקער-עקזאַמען און מוז געהערען צום מוהלים-צעך.

מוהלים פאָדערן אמאנדאט
א בריוו אין רעדאַקציע מיט דער בקשה צו פערעפענטליכען

חברים, מוהלים!
ענדליך איז געקומען די צייט, ווען אויך מיר מוהלים מוזען האָבען אונזער רעפּרעזענטאַנט אין סיים און אין סע-נאַט. מיר, מוהלים, ווערען עקספּלאָא-טירט פון אלע שיכטען, נישט בלויז בורזשואַזיע, נאָר אפילו די אָרימסטע פּראָלעטאַריער טוען אונז אומברחמנות'-דיג עקספּלאָאַטירען, אז מיר שפּייען אָזש מיט בלוט...

„מאַי מאַנזש שעדזשי"
א סוכות-מעשה'לע - דערצעהלט פון א מאַן, וואָס איז בדלות געוואָרען צוליב זיין ווייב'ס פּוילוש רעדען
פון י. אבערזשאַנעק

אזהר האָט ליב סוכות? ביי מיר איז סוכות דער ערגסטער יום-טוב פון אלע ימים טובים. פאַר אלע יודען איז סוכות דער זמן שמחתנו, און פאַר מיר איז סוכות א זמן, וואָס איך דערמאָן מיך אין מיינע צרות און פּיין.

אין פלוג איז דאָך א קשיה: ס'טייטש? ראַכט זיך א שעהנער יום-טוב. א פרעה-ליכער יום-טוב. מ'איז זיך משמח. מ'זיצט מיט יודען אין סוכה. מ'זינגט א זמר'ל. מ'ברענגט אין סוכה אריין דאָס שענסטע און בעסטע. דער איינציגער יום-טוב, ווען מ'איז אָפּגעשיידט פון'ם ווייב. אז מ'האָט נישט דאָס ווייב אין די אויגען, דאַרף מען נאָך א בעסערען יום-טוב, האַ?...

יאָ, ביי מיר איז אויך אייביג דער יום-טוב סוכות געווען דער שעהנסטער, דער בעסטער יום-טוב. פּונקט ווי ביי אלע יודען איז ביי מיר סוכות געווען דער זמן שמחתנו, און היינט איז סוכות ביי מיר א זמן, וואָס דערמאָנט מיך אין מיינע צרות, וואָס איך האָב איבער-געלעבט. ווען צוליב סוכות בין איך לא עליכם בדלות געוואָרען, און אלץ צו-ליב וואָס? אלץ צוליב מיין ווייב'ס פּוי-ליש רעדען.

פון תמיד אָן האַלט איך מיט מיין יודענע אין איין טענה'ן: צו וואָס רעדס-טו פּוילוש? אז מ'קען נישט, טוט מען אזוי ווי איך טו: — מ'מאַכט מיט די הענד, אָדער מ'צייכנט מיט די פינגער. איך קען נישט קיין פּוילוש, ענטפער איך נאָר: „טאַק", „ניע", „ניע ראָזומיעם", „דזשען דאָברי", „דאָ ווידזעניאַ", „פּשעפּראַשאַם" און באַסטאַ... דאָס איבע-ריגע פערלאָז איך מיך אויף די הענד — צו דעם האָט מען דאָך די הענד, אז דאָס, וואָס מ'דערדערט נישט מיט'ן מויל, טוען „דאָקאָנטשען" די הענד...

וויל זי דאָך אָבער ווייזען, אז זי כּול'ט „פּאָ פּאָלסקעמו", אז מיט מיצ-קעוויטש'ן איז זי אין דער היים, רעדט זי פּוילוש. און נאָר זי רעדט פּוילוש. און מאַכט מיט אזהר „פּוילוש" האָט זי מיך בעגראָבען, אלץ הייסט: בעגראָבען? איך וועל דאָך צוליב מיין ווייב'ס „פּוי-ליש" קיין תחית המתים נישט אויפ-שטעהן. אזהר מעגט הערען די מעשה. דאָס דערצעהל איך אייך, כדי אזהר זאָלט וויסען ווי אזוי צו זיין „אָסטראָזש-נע" מיט א ווייב, וואָס האָקט „פּאָ פּאָל-סקיעמו" און דער עיקר היט אייך אום סוכות, ווען אזהר זיצט אין סוכה, און אייער ווייב איז אליין אין דער היים.

הערט א מעשה:

געווען איז עס פאַראַיאָהרען סוכות. ווי תמיד זיץ איך מיט מיינע זיהן אין סוכה. מ'עסט, מ'טרינקט, מ'לאָזט זיך וואוילגעהן. מ'זאָגט נאָך א תורה פון „אזהם זאָל לעבען", מ'שמועסט וועגען פּאָליטיק, מ'אייַלט זיך נישט — ס'איז דאָך סוכות.

אין דער זעלבער צייט, ווען איך בין מיר אזוי בנעימות געזעסען אין סוכה און נאָכגעזאָגט דעם „אַלטען'ס" א תורה, און מיין ווייב זאָל געזונד זיין, איז געווען אליין אין שטוב, קומט אריין א בחור מיט א טעקע. מישט צווישען א בארג פּאַפּירען, זוכט און נישטערט, ביז ער ציהט ארוים א לאַנג פּאַפּיר, זעצט ער זיך ברייטליך אוועק ביים טיש, און טוט מיין יודענע א פרעג:

„טשי טו מיעשקאַ פּאַן איצעק צובעל-פלעצעל?"

„קטאָ טאָ ניע וויע", ענטפערט מיין יודענע, „ושע מי טו מיעשקאַמי?"

„גרושע מאַנזש?" — פרעגט ווייטער דער בחור און נישטערט צווישען דעם ים פּאַפּירען.

„מאָנזשאַ?" — זאָגט מיין יודענע — „מאָנזשאַ ניעמאַ"

„א גרושע אָן יעסט?" — פרעגט ער ווייטער.

„מאַי מאַנזש" — ענטפערט מיינע— „שערושו".

„שערושו?" — שטעלט דער בחור אוים א פּאָה אויגען — „א גרושע אן שערושו?"

„גאַ וו'כוקיע" — ענטפערט מיינע.

„וו'טשופיע פּאַני מישלי" — פער-בעסערט ער אזהר און פערצייכענט באלד אויפ'ן פּאַפּיר: „פּאַן איצעק צובעל-פלעצעל שערושו וו' טשופיע".

„א גרושע יעסט סטאַרשו סין?" — פרעגט ער ווייטער.

„מווש שערושו" — ענטפערט אזהם מיינע.

„א מלאָדשו סין?" — ווערט דער גוי נייגעריג.

„מעזש שערושו", נאָוועט מאַי זשענטש מעזש שערושו — צאַלאַ ראָד-זשינאַ שערושו".

„צאַלאַ ראָדזשינאַ שערושו?" — שטעלט דער בחור אוים א פּאָר קלוגע-גע אויגען — „א נאַ דלוגאַ?"

„גיעך" — ענטפערט זי, — „שערעם דני מולקאַ".

דער בחור הערט זיך אוים מיין יו-דענע'ס ערקלערונגען. מיין יודענע רעדט „פּוילוש" און ער דער חכם — שרייבט. אלץ, וואָס מיין ווייב זאָגט, פערשרייבט ער.

„א דלאַטשעגאָ שערואָן?" — חידוש'ט זיך ווייטער דער בחור מיט דער טעקע.

„גאָ, באָ מאָ פּאַן ניע וויע?" — גיט זי אזהם צו פערשטעהן — „צאָ ראָק מאָ מאַי מאַנזש ז' צאַלאָן ראָדזשינאָן שערו-זשו שערעם דני".

„אהא" — כאַפּט זיך ווייטער דער חברה-מאַן צו דער פעדער — „צאָ ראָק שערושו — ראָסקאָנאַלע".

דער בחור האָט זיך אלץ גאַנץ גענוי פערצייכענט און מיט א פריינטליכען „מאָיע אושאַנאָוואַניע" איז ער אוועק.

אז איך בין געקומען פון סוכה אין שטוב אריין, דערצעהלט מיר מיין יו-דענע פון דער מעשה, וואָס ער האָט גע-פרעגט, און וואָס זי האָט געענטפערט.

— מסתמא, זאָג איך, א סעקוועס-טראַטאָר, אָדער דער שניץ פון'ם רעיענט. ער איז נישט חולה צו קומען נאָך יום-טוב.

נאָר ווי זאָגט אזהר: אז ס'איז אויס-געלייגט א צרה, קומט עס גלייך אין שטוב אריין, הערט א מעשה:

דעם ערשטען טאָג נאָך יום-טוב בע-קום איך א בריוועלע פון דער באַנק, איך זאָל זאַפּאַרט קומען.

איך קום אין דער באַנק אריין, ער-קלערט מיר דער דירעקטאָר: פּאַניע צו-בעלפלעצעל, זייט אזוי גוט און נעמט זיך צוריק אייערע וועקסלען.

— וואָס איז די מעשה? — פרעג איך דעם דירעקטאָר.

מיט מענשען, וואָס זיצען אין די טור-מעס האָבען מיר נישט קיין געשעפטען.

— האַ? וואָס איז דאָס ס'ארע לשון? דאָס מיינט אזהר מיך, פּאַניע דירעק-טאָזשע?

— וועמען דען? — ענטפערט דער דירעקטאָר — איך בין מיט מיין גאַנ-צער „ראָדזשינאַ" אין קיין טורמע נישט געזעסען.

— אזהר זענט משוגע, פּאַניע דירעק-טאָר? ווער געזעסען, און וואָס מיר „ראָדזשינאַ", וואָס האָקט אזהר א משיינוק, וואָס?

— זייט אזוי גוט, ערקלערט מיר דער דירעקטאָר אנ'אויפגערעגטער — נעמט אייער פּעקעל און לאָמיר זיין גע-זונד.

אז מ'האָט מיך געדאַרפט בעגיסען מיט קאַלט וואַסער און רייבען די שלע-פען מיט עסיג, דאָס דאַרפט אזהר אליין פערשטעהן, און וואָס איז דער חידוש, וואָס? איך, איצעק צובעלפלעצעל, וואָס האָב נאָך קיין תפיסה פאַר די אויגען נישט געזעהען — אזא בלבול. מ'קאָן דאָך, חלילה, קריגען א שלאַק אויפ'ן אָרט!

איך קום אהיים מעהר טויט ווי לע-בעדיג, דערצעהל פאַר מיין בני-בית די מעשה, ווערט אין דער שטוב א יללה. מיין יודענע כאַפּט דעם בעזים, און וויל לויפען אין דער באַנק אריין דעם דירעק-טאָר מקיים פסק זיין. קוים זי ראָט זיך „אויסגעקאַקעט". ווען מיר שוין בייד אויך מיט מיין יודענע, נענאַנגען אין דער באַנק אריין. זי איז דאָך עפּיס נישט איך. עפּיס קען זי זיך דאָך מיט דעם דירעקטאָר אויסשמועסען אויף „פּוי-ליש". פאַר „פּוילוש" וועט דאָך דער די-רעקטאָר א ביסעל מעהר דרך-ארץ האָ-בען...

אז דער דירעקטאָר האָט אונז בייד-ע געזעהען און אזא אויפגערעגטען צו-שטאַנד, האָט ער אונז ערקלערט, אז אזא פּראָטאָקאָל האָט ער. געשריבען שוואַרץ אויף ווייס, און באלד ווייזט ער אונז טאַקע דעם פּראָטאָקאָל. ער לייענט וואָרט ביי וואָרט:

„די פרוי צובעלפלעצעל ערקלערט, אז אזהר מאַן, איצעק צובעלפלעצעל צוזאַמען מיט דער גאַנצער ראָדזשינאַ זיצען וו'טשופיע. געקריגען צו זיצען האָבען זיי אויף 7 טעג. יערעס יאָהר זיצען זיי צו 7 טעג א. אז. וו."

איך קוק אָן מיין ווייב, און מיין ווייב קוקט מיך אָן. וואָס איז דאָ? צי איז ער משוגע, צי זענען מיר משוגע? ווער איז געזעסען? וואָס מיר תפיסה, וואָס מיר 7 טעג?

איז דאָך מיין יודענע ארוים מיט אזהר לשון, אזוי ווי זי קען, אז די גאַנ-צע באַנק איז זיך צוזאַמענגעלאָפען. ס'האָט וועניג געהאָלפען, אז אלע מיני-סטער'ס מיט די ביוראָקען, מיט די שיי-בען זאָלען געהען אין דער לופט, און זי וואָלט דען נישט געוועזען געראַכט? א קליינינקייט אזא בלבול. מ'האָט טאַקע שוין געהאַלטען דערביי, ס'זאָל אלץ פּלי-האָן, ווען נישט א צופאַל: ווי מיין יודע-נע האָט אזוי געשריגען און געוואָלדע-וועט, איז פּונקט אנגעקומען דער זעל-בער שניץ מיט דער טעקע, און ווי מיין יודענע האָט אזהם דערזעהען, איז זי אוועקגעפאַלען אין חלשות.

ווי אזוי מיין יודענע האָט זיך שפּע-טער אויסגעשמועסט מיט דעם שניץ, און ווי אזוי דעם דירעקטאָר האָט זיך אלץ די מעשה נישט געלעגט אויפ'ן שכל, דאָ פון איך אייך מוחל. דער עיקר זענען נאָך די נאָכוועהען. פון הינטער דער ערד האָבען זיך געיאָוועט בעלי חובות, יע-דער האָט געשריגען און געליאַרעמט: מיין געלד. אנזעצער, קאָמאָרושניק, אָרעסטאַנטען. פאַר יערען האָב איך מיך געמוזט פערענטפערן. יערען האָב איך געמוזט דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון א. ביז ת. ווי אזוי מיין ווייב האָט זיך אויסגעשמועסט מיט'ן קאָנטראָלער פון דער באַנק, ווי אזוי זי האָט אזהם „טלומאַטשעט" אויף „פּוילוש". אז סוכה איז אויף פּוילוש — „וו'סוקיע" און דער גוי'עשער קאָפּ, האָט עס אויס-געטייטשט אויף „וו'טשופיע", אז מיין ווייב האָט גוט געמיינט, נאָר דער „חכם" פון דער באַנק האָט שלעכט פער-שטאַנען „פּוילוש". ווער קען דאָס איינפאַלען, אז א באַנק-קאָנטראָלער זאָל נישט פערשטעהן א וואָרט „פּוילוש!"..

וואָס טויג אייך די אלע מעשיות. איך האָב מיך פערענטפערט, נאָר אָך און וועה, אז מ'דאַרף זיך פערענטפערן. — איך בין בדלות געוואָרען. צוליב סוכות און צוליב מיין ווייב'ס „פּוילוש" בין איך איצט א יוד א קבצן כרת וכרין.

איך פרעג אייך: אז ראָקפעלער רעדט נישט קיין פּוילוש, האָט ער נישט קיין פּרנסה? אז פאָרד פערשטעהט נישט אין וואָרט פּוילוש, האָט ער נישט שבת צו מאַכען? רויטשילד'ן, גיט אזהם א מיליאָן ער זאָל רעדען איין וואָרט פּוי-ליש — ער קען נישט, רעדט ער נישט און געבענוג... אז איך קען נישט קיין פּוי-ליש, רעד איך די הויפּט-ווערטער: „טאַק", „ניע", „דזשען דאָברי", „ראָזומיעם", „פּשעפּראַשאַם" און באַסטאַ!...

אזהר הערט, יודען, ווי לאַנג איך וועל לעבען, וועל איך געדענקען דעם פאַר-יאָהריגען סוכות, און מיין ווייב'ס „פּוילוש" רעדען...

לאדז
6 אקט. 1930
שין אויפג. גנ: 7.41
שין אונטערג. אינג: 5.09
מאנטאג,
י"ד
תשרי תרצ"א
פ' ברכה

טאג-כראניק

רעגיסטראציע פון יאהרגאנג 1910

היינט, דארפען זיך צושטעלען צו דער רעגיסטראציע די געבוירענע אין יאהר 1910, (אין מיליטערישען ביורא פיעטריקאווער 212) דארפען זיך צושטעלען די וועלכע וואוינען אין 1 קאמיסאריאט, וואס זייערע נעמען הויבען זיך אן מיט:

W Z Ż

און פון 7. קאמיסאריאט:

R S Sz T

מארגען דינסטאג פון 7 קאמיסאריאט

W U Z Ż

און פון 2. קאמיסאריאט

A, B, C, D, E, G. F.

מיטוואך – פון 2. קאמיסאריאט –

H L Ł M N O P

און פון 8 קאמיסאריאט –

A B C D E F

די וואהל-הכנות אין לאדז

—==0§0==—

יוד. וועהלער קאנטראלירט אייער וואהל-רעכט

4 טעג זענען געבליבען נאכצוזעהן די וועהלער-רשימות

געבוירענע אין 1909 און די יאהרען 1900 דארפען קאנטראלירען, צו זיי געפינען זיך אין די וועהלער-רשימות

פון פערשידענע זייטען מאכט מען אויפמערקזאם, אז א סך יודישע וועהלער, בעזונדערס פון די, וואס זענען געבוירען געווארען אין די יאהרען 1909 און 1900 זענען נישט אריינגעטראגען געווארען אין די וועהלער-רשימות.

עס איז דעריבער בעזונדערס וויכטיג, אז די געבוירענע אין די אויבענדערמאנטע יאהרען זאלען באלד נאכקאנטראלירען צו זיי געפינען זיך אין די וועהלער-רשימות.

עס ליגט בכלל א חוב אויף יעדען יודישען וועהלער נאכצוזעהן זאפארט אין די געהעריגע וואהל-אבטיילונגען, צו ער פיגורירט אין די וועהלער-רשימות. ווען נישט דארף מען פערלאנגען פון דער קאמיסיע אריינצוטראגען זיין נאמען אין די ליסטעס. עס זענען געבליבען נאך 4 טעג אויף נאכצוקאנטראלירען דאס וואהל-רעכט און קיינער דארף נישט פערזוימען, ווייל אין טאג פון די וואהלען וועט קיין שום רעקלאמאציעס נישט אנגענומען.

* * *

(פ) אין משך פון נעכטיגען טאג האבען די וועהלער, נישט קוקענדיג אויפ'ן שלעכטען וועטער, נאכקאנטראלירט אין די וואהל-קאמיסיעס צו זיי זענען אריינגעטראגען געווארען אין די וועהלער ליסטעס. בזין אונזער האט נישט פאסירט קיין פאל פון קוועסטיאנירען עמיצענס וואהל-רעכט. עס זענען בלויז געוועזען פאלען פון טעותים, ווען די וועהלער זענען צוליב דער אונפארזיכטיגקייט פון די הויז-וויירטען נישט אריינגעטראגען געווארען אין די ליסטעס. נאך די רעקלאמאציעס זענען די טעותים בעזייטיגט געווארען.

* * *

(§) אין זאל פון קינא „רעסורסא" איז נעכטען פארגעקומען א פארוואהל-פערזאמלונג פון גייסטיגע ארבייטער. ס'איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע אין גייסט פון דער סאנאציע און עס איז בעשלאסען געווארען צו שיקען בעגריסונגס-דעפעשען צום מלוכה-פרעזי-דענט און מארשאל פילסודסקי.

* * *

(§) אין אייגענעם לאקאל אויף זשע-ראמסקי גאס 74 איז נעכטען פארגעקומען אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון פאבריק-מייסטער. עס איז צווישען אנדערען אויך בעהאנדעלט געווארען די פראגע ווענען די וואהלען און פאר וועלכע ליס-טע די פאבריק-מייסטער זאלען שטי-מען. דאס אננעהמען די ענדגילטיגע דע-ציזיע איז אפגעלעגט געווארען אויף דער נאהענטסטער פערזאמלונג.

* * *

אין לאקאל פון דער „אגודה" איז פארגעקומען א בעראטונג פון פארשטעהער פון דער אגודה, צעירים, פועלים, בתי-תפלות און רעליגיעזע אינסטיטוציעס און ס'איז געוועהלט געווארען א בשותפות'דיגער טעכנישער קאמיטעט פון די ה"ה: ראטמ. פ. ליבערמאן — פארזיצענדער, גרשון וואלצאן און י. נ. קאמיענעצקי — וויצע, פרנס י. צעדער-בוים, מאגיסטער רייכמאן, ש. ראוועך, ל. שטשעקאצין, י. בערלינער, מ. גערשט, י. זילבערשאץ, פאנטש, ב. זאמערפעלד, ל. בענדער, י. וואקסבערג און ה. קאנטאראוויטש.

פארן עקסמיסירטען סוחר פון ציגעל-גאס 18

מ. י.	5 זל.
א. י.	8.90 „
דוד דיאמענט	25 „
ס"ה	38.90 זל.
פון פריהער	691 „
אינאיינעם	729.90 זל.

פון דער ווילקער שוהל

אין דער לאדזער חזנים-וועלט פער-נעהמט איצט אנ'אונגעזעהען ארט דער חזן פון דעם ווילקער-שוהל ה' משה ליס די היי-יאהריגע ימים - נוראים האט ה' ליס מיט זיין הארציגען טענאר-שטים און מיט זיין זיסער נגינה איבעראשט די מתפללים. ה' ליס דערמאנט מיט זיין הארציגען דאווענען דעם בעוואוסטען קאנטאר אליהו זאלודקאווסקי. ס'דארף אויך דערמאנט ווערען צום גוטען דירי-גענט ה' סאקאלאווסקי.

קרייז-פערבאנד פון די קראנקען-קאסעס איי לאדז ווערט ליקווידירט

דער קרייז-פערבאנד פון די קראנקען-קאסעס אין לאדז ווערט ליקווידירט. דאס פערמעגען פון דעם קרייז-פער-באנד, וואס איז ווערט 5 מיליאן זל. וועט אריבערגעהן צום ווארשאווער קרייז-פער-באנד פון די קראנקען-קאסעס. אין לאדז וועט ענטשטעהן אנ'עקספאזיטור פון ווארשאווער קרייז-פערבאנד.

סטאראסטע זשעוועסקי זאל ווערען רעגירונגס-קאמיסאר פון לאדזער מאגיסטראט

עס ווערט געמעלדעט, אז אויך דאס פינאנץ-מיניסטעריום פאדערט, אז דער לאדזער שטאט-ראט זאל אויפגעלעזט ווערען, ווייל די פינאנציעלע שטאטישע ווירטשאפט איז א שלעכטע.

וואיעוואדא יאשטשאלט ווייט אין דער אנגעלעגענהייט אין ווארשא.

ווי מען שמועסט, איז שטארק אקטועל געווארען די קאנדידאטור פון סטאראס-טא רזשעווסקי אויפ'ן אמט פון א רעגי-רונגס-קאמיסאר אין מאגיסטראט.

די שלושים נאך שמואל הערשבערג. הזכרה אין „לינת החולים"

אין דער איינענער שוהל פון „לינת החולים" (פאלודניאווא 19) איז נעכטען פריה צו די שלושים נאכ'ן פרעזעס שמואל הערשבערג ז"ל פארגעקומען א פייערליכע הזכרה. צו דער טרויער-פיי-ערליכקייט זענען זיך צוזאמענגעקומען פארשטעהער פון כמעט אלע לאדזער געזעלשאפטליכע הילפס-פעראיינען און א גרויסער עולם פריינד און פערעהרער פון פערשטארבענעם.

דער זיצונגס-זאל פון „לינת החולים", וואו שמואל הערשבערג האט יאהרען-לאנג פערבראכט און ארבייט לטובת דער ראזיגער אינסטיטוציע, איז געווען אי-בערגעפולט.

די הזכרה-פייערליכקייט האט גע-עפענט וויצע-פרעזעס ה' יעקב רעגענ-שטיין. דער ערשטער האט גערעדט וועגען די אונפערגעסליכע לייסטונגען פון פערשטארבענעם שמואל הערשבערג ה' האלפערן. וועגען די פערדינסטען פון נפטר פאר דער ענטוויקלונג פון דער לאדזער געזעלשאפטליכקייט און בפרט פאר „לינת החולים" האבען נאך גע-רעדט די ה"ה כוואט, ארכיטעקט גאלד-בערג און ה' גראהמאן פון „חסד של אמת".

א טרויער-רעדע האלט צום סוף ווי-צע-פרעזעס דענענשטיין, וועלכער גיט א כאראקטעריסטיק פון פערשטארבענעם פרעזעס, זיינע אויפטועו און פלענער פאר דעם פונאנדערוואוקס פון „לינת החולים".

קאנטאר אלטערמאן מיט'ן כאר מאכט אנ'„אל מלא רחמים" און זאגט א פאר קאפיטלעך תהילים, וואס ווערען אויס-געהערט פון אלעמען שטעהענדיגערהייט.

פיל אנוועזענדע האבען ביי דער גע-לעגענהייט געצייכענט שפענדען פאר „לינת החולים".

נאכט-דיזשורען אין די אפטייקען

פאוולאווסקי, פעטריקאווער 809; האמבורג, גלובנא 50; גליבאווסקי, נא-רוטאוויטש 4; שניפעוויטש, קאפערניק 26; בארעמזא, פאמארסקא 10 און פא-טאש, פלאץ קאשטשעלני 10.

ראדיא פראגראם

מאנטאג 6 אקטאבער

לאדז (233.8) 12.05 — 11.58 שעה צייכען, 13.15-12.05 גראמאפאן פליטען מוזיק 13.20-13.15 פארלעזונג פון טעגליכען פראגראם ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר, 14.30-14.55 טעכנישער פאסט-קאסטען — לויפענדע קארעספאנדענץ און טעכנישע עצות וועט ערטיילען ה. וואצלאוו פרעס-קער, 16.15-16.45 פראגראם פאר קינדער (טר. פון ווארשא), 16.45-17.15 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 17.15-17.40 פארלעזונג (טר. פון קראקא), 17.45-18.45 טאנץ מוזיק (טראנס. פון ווארשא), 18.45-19.10 פערשידענעס, 19.10-19.25 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער און אר. גראם אויף דינסטאג, 19.25-19.35 גראמא-פאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 19.35-19.50 ראד-יא פרעסע-זשורנאל, 20—19.50 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 20-20.15 פארלעזונג א. ט. „אפענבאך'ס עפאקע" פון קארל שטראהמענגער (טר. פון ווארשא), 20.15-20.30 „צווישען ביכער" איבערזיכט פון די נייעסטע ביכער אויסגאבען פון פראפ. ה' מאשטשיצקי (טר. פון ווארשא), 22—20.30 פאפולערער קאנצערט (טר. פון ווארשא) 22.15-22 פעליעטאן א. ט. „דער עדות" (טראנס-מיסיע פון ווארשא), 22.15-22.35 גראמאפאן פלי-טען מוזיק פון ווארשא, 24-22.35 וועטער פאלי-ציי און ספארט - קאמוניקאטען, ווי אויך טאנץ מוזיק (טר. פון ווארשא).

דינסטאג 7 אקטאבער

לאדז, (233,8) 12.05 — 11.58 שעה - צייכען, 13.15 — 12.05 גראמאפאן פליטען מוזיק, 13.50— 13.15 פארלעזונג פון טעגליכען פראגראם, ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר, 16.15-17.15 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 17.15-17.40 פארלעזונג (טר. פון ווארשא), 17.45-18.45 פאפו-לערער סימפאנישער קאנצערט פון ווארשאווער פילהארמאנישען ארקעסטער (טר. פון ווארשא), 18.45—19.10 פערשידענעס, 19.10-19.25 קאמוני-קאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער און פאר-לעזען פון פראגראם אויף מיטוואך, 19.25—19,35 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, — 19.50 19.35 ראדיא פרעסע-זשורנאל (טר. פון ווארשא) 19.50 טראנסמיסיע- פון דער ווארשאווער אפערע דערנאך וועטער, פאליציי און ספארט-קאמוניקאטען ווי אויך רעטראנסמיסיעס פון אויטלענדישע סטאצי-עס (טר. פון ווארשא).

מיטוואך 8 אקטאבער

לאדז, (233,8) 11.58-12.05 שעה צייכען, 12.05-13.15 גראמאפאן פליטען מוזיק, 13.20— 13.15 פארלעזונג פון טעגליכען פראגראם, ווי אויך קינא און טעאטער רעפערטואר, 14.30-14.55 ראדיא כראניק (טר. פון ווארשא), 15.50 — 15.35 סקויטען פיערטעל שעה, 15.50-16.10 פארלעזונג (טר. פון ווארשא), 16.15-16.45 קינדער אודיציע (טר. פון ווארשא), 16.45-17.15 גראמאפאן פלי-טען פון ווארשא, 17.15-17.40 פראפ. אדאם טשארסקאווסקי וועט ערצעהלען וועגען „אננא גרודזינסקא" (טר. פון ווארשא), 17.40—18.45 קאנ-צערט פון פוילישען ראדיא ארקעסטער (טר. פון ווארשא), 18.45—19.10 פערשידענעס, 19.10-19.25 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער און פארלעזען פון פראגראם אויף דאנערשטאג, 19,35 —19.25 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 19.25-19,50 ראדיא פרעסע-זשורנאל (טר. פון ווארשא), —20 19,50 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, 20—20.15 פעליעטאן (טראנסמיסיע פון ווארשא), 20.15-20.30 פארלעזונג וועגען שאפען'ן (טר. פון ווארשא), —21 20.50 קאנצערט געווידמעט די שאפונגען פון פרידריך שאפען, 21.15 —21 ליטעראַרישער פיערטעל שעה, —22 21.15 פארזעצונג פון קאנצערט, 22—22.15 פעליעטאן א. ט. „אין שטיהעל און אהן שטיועל" פון ב. הערץ (טר. פון ווארשא), 22.15—22,35 גראמאפאן פליטען מוזיק פון ווארשא, —24—22.35 וועטער, פאליציי, און ספארט-קאמוניקאטען, ווי אויך טאנץ מוזיק (טר. פון ווארשא).

ארבייטסלאזיגקייט

אין לאדזער אינדוסטריע-ראיאן זענען פערגאנגענע וואך געווען רעגיסטרירט 27,364 ארבייטסלאזע, דערונטער אין לאדז 19'429.

סך-הכל האבען פאריגע וואך בעקו-מען אונטערשטיצונגען 7.260 ארבייטס-לאזע, אין לאדז — 4.979

אפגעשניטען די נאז און אויסגע-האקט 7 צעהן

געהיימניספולער אנפאל אויף דורכגעהער

(§) געכטען 10 אין אוונד זענען עט-ליכע אונבעקאנטע בעפאלען אויף נא-ווטמביא גאס דעם 23-יעהריגען סעלוקס שטשאווינסקי פון ראקומשינער גאס 10/12. די אנפאלער האבען מיט מע-סערס צושטאכען שטשאווינסקי'ן, אויס צושניטען די נאז, אויסגעהאקט 7 צעהן און מיינענדיג, אז ער איז שוין טויט, האבען זיי איהם צוגעדעקט מיט'ן איינגע-נעב פאלטא און זענען אנטלאפען.

אין א טייך בלוט און היין א בעוואוסט-לאזען צושטאנד האט א פאליציי-פאט-רול שפעטער געפינען שטשאווינסקי'ן אין דורך פאגאטאווויע אוהם און א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט און שפי-טאל פון דער קראנקען-קאסע.

נישט ווייט פון שטשאווינסקי'ן האט דער זעלבער פאליציי-פאטרול געפינען ליגען נאך צוויי יונגע מענשען און א טייך בלוט. ווי עסה אט זיך ארויסגע-שטעלט, זענען דאס געווען דער 21-יעהריגער וואלדשימיערזש סימצאוו, אויך פון ראקאמשינער גאס 10/12 און דער 21-יעהריגער אנטאני פיבאק, אויך פון זעלבען הויז.

די פאליציייאישע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז די לעצטע צוויי זע-נען בעפאלען געווארען דורך די אונבע-קאנטע אנפאלער בעת זיי האבען גע-וואלט קומען צו הילף זייער חבר שטשא-ווינסקי. וואס עס איז געווען די סיבה פון אנפאל א זוועער עס זענען די אנ-פאלער איז יעצט אויצט נאכגישט פעסט-געשטעלט געווארען.

יודיש-טעאטער פילהארמאניע נארוטאוויטש 20
יודישער ארט.-פעראיין אין פוילען—דירעקטאריאט פון די פעריינס-טעאטערן
בעפולמעכטיגטער: א. שטאקפעדער — לייטער: א. בעזמאן
ערעפנונג פון ווינטער-סעזאן!
גאנץ ניי-אנגאזשירטער ארטיסטען-אנסאמבל פון ווארשאווער טעאטערס
פרויען: פראניא ווינטער, י. פלאום, ר. רענינא, שרה פלאום, ב. פאזנאנסקא.
מענער: אברהם קורץ, דוד לזאי, מ. מאקסימאוו, י. וויינבערג, י. גרינהויז, ה. פלאום, מ. פאזנאנסקי, מ. אייזענבערג.
דינסטאג, דעם 7-טען אקטאבער 4 א זייגער נאכמיטאג און 9 אוונד,
מיטוואך, דעם 8-טען אקטאבער 4 נאכמיטאג און 9 אזייגער אוונד.
דער גרעסטער שלאגער, וועלכער איז געשפילט געווארען אין ווארשאווער קאמינסקי'ס טעאטער איבער 100 מאל מיט'ן גרעסטען ערפאלג
די אייביגע מאמע
אין 3 אקטען 4 בילדער פון קאלמאנאוויטש. אין דער הויפט-ראל „פרידא" טרעט אויף די בעוואוסטע ארטיסטין פון קאמינסקי'ס טעאטער
עווא שטאקפעדער
דירעגענט ל. זעלמאן. בילעטען צו בעקומען אין זאל פון פילהארמאניע

טעאטער און קונסט

ערעפנונג פון נייעם סעזאן אין לאדזער יודישען טעאטער

מארגען הויבט זיך אן דער ווינטער-סעזאן אין לאדזער יודישען טעאטער. די טרופע אין „פילהארמאניע" איז איצט א פולשטענדיג נייע און אויך די אנפיהרערשאפט א נייע, אויף נייע יסו-דות — אונטער'ן דירעקטאריאט פון יו-דישען ארטיסטען-פעראיין.

די טרופע פון לאדזער יודישען טעא-טער בעשטעהט איצט פון א רייח קרעפ-טען, וואס האבען מיטגעווירקט אין די ווארשאווער יודישע טעאטער'ס אויך דער רעפערטואר איז בערייכערט געווא-רען מיט נייע ערפאלגרייכע שטיק.

צו דער ערעפנונג ווערט געגעבען די „אייביגע מאמע", וואס האט אין ווער-שא, אזוי אויך אין אמעריקא געהאט א אונגעהויערען ערפאלג.

מיר ווינשען דער נייער יודישער טרו-פע פיל ערפאלג.

דאנערשטאג אוונד — קראקאוויאצי אי גוראלע". פרייטאג — אלס פרעמיערע די ענגלישע קאמעדיע „קאוואלער-פא-פא".

אין קאמעראל-טעאטער געהט מענליך די קאמעדיע „טעמפא אובשר הונדערט".

אין פאפולארני היינט ביז פריי-טאג „אנטאני'ס פלאמענדע נאכט".

„איז פאליש אויף דער קייט" ביי דער „יוד. טעאטער סטודיע

בקרוב וועלען מיר ווידער האבען די מעגליכקייט צו זעהען די „יודישע טעא-טער-סטודיע" פון „הזמיר" אין א נייער גרויסער אויפפיהרונג. דאס מאל אין י. ל. פרץ'ס גרויסען ווערק „אין פאליש אויף דער קייט", א דראמע אין 3 אק-טען. רעזשי — אידעס, מוזיק — השגחה קאן, דעקאראציעס און קאסטיומען — יצחק ברוינער, פלאסטיק און טענץ — איזא הארארי.

אין דער אויפפיהרונג נעמען אנטייל ביז זעכציג סטודיאנטען.

פון די פוילישע טעאטערס

אין שטאט-טעאטער געהט היינט, מארגען און דאנערשטאג צו בי-ליגע פרייזען „דער שטרייט וועגען סער-זשאנט גרישא". דינסטאג 4 ביטאג און

פערקויפטע נשמות

שפאנענדער ראמאן

(163 פארזעצונג)

עס איז פערב א טאג.

נאכמיטאג האט אויסגעבראכען א שטורם-רעגען, דער-נאך איז געפאלען א דראבנער רעגענדל, וואס האט זיך גע-צויגען א גאנצען טאג. אויף א גרויסער שיף ביי דער שול-מויער זענען געשטאנען די זעלנער-וואכען, איינגעהילט אין גומי-מענטעל, אדורכגעווייקטע פון שטארקען רעגען-גאס. עס זענען געווען פיער מענטשען, וואס זענען געווען פונאנדער-געשטעלט אין פיער פונקטען, און האבען אבסערווירט דעם טייך, איבער וועלכען עס האט זיך דערהויבען א געדיכטער נעפעל.

פלוצלונג האט זיך דערנעהנטערט א קליין שיפעל, אין וועלכען עס זענען געזעסען דריי פערזאן.

אין זעלבען מאמענט איז אנגעקומען א קאפיטאן אין דער בעגלייטונג פון א סערזשאנט, כדי צו קאנטראלירען די וואך.

— גיט נאר א קוק! — האט זיך אנגערופען איינער פון די זעלנער. — ווי דאס שיפעל האלט זיך נאהנט פון אונז.

— דאס איז עפעס נישט אין ארדנונג!

— עס האט זיך ערשט דערווייטערט און קעהרט זיך שוין ווידער צוריק.

עס האט נישט לאנג געדויערט און דער סערזשאנט מיט זעקס זעלנער האבען זיך אריינגעזעצט אין א שיפעל, אלע האבען זיי גוט געקענט וויאסלעווע.

— בעמערקט מען נאך גוט דאס פערדעכטיגע שיפעלע האט דער סערזשאנט א פרעג געטהון איינעם פון די זעלנער.

— פערשטעהט זיך, ארט אין נעפעל זענען זיי פער-שוואונדען געווארען, זיי פאהרען כסדר אהין און צוריק, איך האב שוין אפילו געוואלט צו זיי שיסען.

— לאז אפ. מיר וועלען שוין פאקען די פערדעכטיגע לייט.

דער סערזשאנט האט בעפוילען אין דער שטיל, אז פיער זעלנער מיט צוויי אונטער-אפיצירען זאלען זיך אריינ-זעצען אין א בעזונדער שיפל און אנהויבען א גייעג.

עס איז אריבער עטליכע מינוטען. קיין איין שאס האט זיך נישט דערהערט. נאר א געוויכער. עהנליך צו א דער-שטיקט געשריי, האט זיך דערטראגען פון מיטען וואסער. כאטש דער נעפעל איז געווען זעהר א געדיכטער, פונדעסט-וועגען, האט די וואך כסדר אבסערווירט זייערע שיפלעך. זיי האבען גארנישט געזעהען, אז דאס האבען די זעלנער געפאקט די פערדעכטיגע פערזאנען דערהערענדיג בפירוש, ווי דאס שיפעל דערנעהנטערט זיך צום ברעג.

— זהא, זיי האבען זיי געפאקט, — האט אויסגערו-פען איינער פון דער וואך.

די וואך-זעלנער זענען געווען שטארק מיעד און שלעפריג.

אין דעם האבען זיי דערהערט, ווי מען דערנעהנטערט זיך צו זיי און אין א ווייטע צרות זענען זיי געלעגען אויף דער ערד, מיט שינעלען פערוואורפען אויף די קעפ, אזוי, אז זיי האבען נישט געקענט ארויסגעבען דעם מינדעסטען געשריי.

די דריי מענשען, וואס זענען געזעסען אין שיפעל, האבען אפילו נישט געטראכט וועגען אנטלויפען, נאר געוואלט ביז די איבריגע צוויי שיפלעך וועלען זיך דערנעהנטערן צום ברעג.

דעמאלט זענען, ווי פון אונטערן באדען, ארויסגע-וואקסען א צוועלף פערשוין, וואס האבען זיך בליץ-שנעל א ווארף געטהון אויף די איבריגע זעלנער.

ענטוואפענענדיג זיי האבען זיי זיך איבערגעטהון אין די זעלנערישע מונדירען, און זענען צוגעשווימען צו די מויערן פון דער מיליטער-שול.

קאפיטעל 72

דער וואלף אין שעפסען-פעל

צייט די פירשטין לאמבאלא האט פערטרויט אלע איה-רע סודות דעם שטוב מיידעל נינעטא, האט זיך די דאזיגע מאדאם געפיהלט א סך רוהיגער, ווי פריהער. זי האט געהאט געלד איבערגענוג, זי האט צוריקבעקומען איהר ציה-רונג, און זיך געבאדען אין א ים פון פערגעניגענס.

איהר אינטודענט האט איינגעקויפט אין פאריז די בעסטע צוקערווארגען, די טייערסטע וויינען, ווייל די פירשטין האט גרויס אכט געלעגט אויף אזעלכע זאכען. ווי מאג-טעגליך איז אויך דעם טאג איהר שלאס-אויפזעהער בעגאנגען אין שטאט אריין איינקויפען אלע נויטיגע זאכען.

אין שלאס איז פערבליבען נינעטא אין די אלטע האלב-טויטע קעכין.

די פירשטין האט זיך גראד געפינען אין איהר בודואר, ווען עס האט זיך דערהערט דאס געראויש פון א עקיפאזש, וואס האט זיך אבגעשטעלט פאר'ן שלאס.

פאמעליך האט זיך אויפגעעפענט דאס טירעל פון עקיפאזש און נינעטא האט ארויסגעפיהרט אונטערן ארעם דעם מאנאך ברודער'ל יוזעף.

— אך, דאס איז דער מאנאך, — האט שטיל א זאג געטהון די פירשטין, בלייבענדיג אביסעל איבערגעשראַ-קען.

די פירשטין ווילענדיג נישט ווילענדיג, האט געמוזט אויפנעהמען דעם קעניגליכען פערטרויאונגס-מאן, וואס האט בעהאט א געוואלדיגען איינפלוס אין „הויף".

(פארטזעצונג קומט).

צפת און איהרע יודען

(ענדע פון זייט 6)

אויף מיר — איז א פּשר'ער אמעריקאַנער. אבער האָט דאָך געהערט מס-תמא פון אמעריקע?

— געהערט, געהערט! — זאָגט דער אַלטער חסיד. גוטע מעשים לאָזען זיך הערען גאַנץ ווייט. יודען טוען צדקה — הערט מען...

— אָבער קיין זוהר זאָגט מען שוין אין אמעריקע נישט! וויל איהם דער עלטסטער פון אונז אָנצוהערן אויף א שמועס.

— איך גלויב דאָס נישט!.. — זאָגט דער אַלטער חסיד און שמייכעלט מיט זיינע פערנעפּעלטע אויגען ערגעץ ווייט. — מען דאַרף אויף יודען קיין שלעכטס נישט טראַכטען — יודען זענען אומעטום יודען... אָט זענען יונגעלייט — ער ווייזט אויף מיר — געקומען פון מרחקים, געלעגט הויפּשלעך הוצאות מטמא. געקומען אַנקוקען צפת, זעהן זיין מקום קודש, נהנה זיין פון זיין לוכט..

— פון וועמעס לוכט?

— וואָס טייטש, פון וועמעס? מענש אײנער! פון וועמען קאָנען מיר דאָ רעדען, אייב נישט פון איהם, זכותו יגן עלינו? (זיין זכות זאָל אונז באַשיצען)... מיר שטעהען דאָך דאָ אין זיין ד' אמות. הערומען זיך איז זיין פייער!.. דאָס איז דאָך זיין קדושה, וואָס שוועבט דאָ איבער אונזערע קעפּ!.. איהר זעהט דען נישט בחוש, וואָס דאָ טוט זיך?!..

און דער אַלטער חסיד בעווייזט מיט די הענט ארום אונזערע קעפּ. מיר קוקען זיך נישט-ווילענדיג אַרום אין דער אַלטער שוהל, נאָר מיט מעהר חידוש בעטראַכטען מיר דעם יודען אַליין — זיין רויטליך עקזאַלטירטע פּנים, וואָס האָט זיך איצט נאָך מעהר צורויטעלט, און זיינע פערנעבעלטע שמייכלענדיגע אויגען, וואָס האָבען זיך נאָך מיט'ער פערנעבעלט. זיין אַלט הייזעריגליך קול האָט זיך צוואַרימט און הייסע טענער — ער האָט די ווערטער נישט אויסגערעדט, נאָר ווי אויסגעזונגען אין מיט'ן עקסטאַז. עס איז פאַר אונז אויך געווען א חידוש, וואָס ער מיידט אוים צו דערמאָנען דעם נאָמען אר"י. ווי ער וואָלט דעם דאָזיגען הייליגען נאָמען נישט געוואָלט וואָכעדיג מאַכען מיט זיינע ליפּען...

— יאָ, — זאָגט דער עלטסטער פון אונז פערטראַכט, — מיר זעהען שוין... און איהר זיצט דאָ, הייסט עס, שטענדיג אין דער אַלטער שוהל?

— וואָס טייטש מען זיצט שטענדיג? מען צוהט פון דאַנען יניקה, די ניצוצות (די הייליגע פונקען)... דאָ האָב איך יונגעלווייז געלערנט מיט מיין טאַטען, זכרונו לברכה, דאָ בין איך אַליין געשטאַנען אונטער דער חופּה, און דאָ האָב איך געפיהרט צו דער חופּה אלע מיינע קינדער און אייניקלעך. זאָלען געזונט זיין...

— זאָגט איהר, ווייסט עס, אַן אמת'ער א צפת'ער. נאָר קיינמאָל נישט געווען אין חוץ-לארץ?

— אין חוץ-לארץ — זאָגט דער יוד מיט א שמייכעל — בין איך געוועזן סך-הכל איין מאָל, נאָר איך אַליין געדענק דאָס נישט.

— וואָס הייסט?

— מיין מאַמע, עליה השלום, דאַרפט איהר וויסען, האָט מיך געבוירען אויפ'ן שיף אין טאָג איידער מיר זענען צוגעפאָהרען אהער צום ברעג.

— שוין לאַנג, אז די געשיכטע דאָס פּאַסירט?

— איהר ווילט, אפשר, אַרויסציהען פון מיר ווי אַלט איך בין?

— יאָ, עס איז טשיקאַווע צו וויסען...

— הרי אני כבן שבעים שנה. (איך בין אַלט ארום זיבעציג יאָהר). — זאָגט ער, נעמט און האַלט אויף ראָש פייעס און גלעט'ן בערדעל און שמייכעלט מיט די פערנעבעלטע אויגען ערגעץ ווייט.

— פונקט זיבעציג?

— מענש אײנער! איך זאָג דען: פונקט? איך זאָג: כבן... מיט צעהן יאָהר מעהר, מיט צעהן יאָהר ווייניגער — וואָס איז דער חילוק?.. גאָט ברוך-הוא שענקט אונז יאָהרען — איז נישט שעהן צו צעהלען. זאָל ער אַליין פּוהרען דעם חשבון!..

— זאָגט איהר אפשר דער עלטסטער אין דער צפת'ער קהלה?

— חס ושלום! פאַרהאַן, געלויבט איז השם יתברך, א סך עלטערע פון מיר. איהר זעהט אָט דעם זקן, וואָס זיצט אין ווינקעל איבער'ן זוהר? — א קדוש וטהור. בין איך אָקעגען איהם א הדר-יונגעל, גאָט ברוך-הוא זאָל איהם נאָך פערלענגערן די יאָהרען... א שאָד, מען טאָר איהם נישט מפסיק זיין — ער וואָלט אייך דערצעהלט זאַכען, וואָס ער האָט אַליין געהערט פון זיין עלטער-זיידען, וואָס דער עלטער זיידע האָט געהערט איש מפי איש פון די ערשטע עדי-ראיה (עדות, וואָס האָבען געזעהן מיט זייערע אויגען)...

— זאַכען ווענען וואָס?

— וואָס טייטש, ווענען וואָס? איהר פרעגט שוין נאָכאמאָל?... ווענען איהם, זכותו יגן עלינו!..

— דערצעהלט איהר אונז עפּעס! זעצט אייך צו. וואָס שטעהט איהר?

— ניין, איך וועל בעסער שטעהן. שטעהענדיג אַרבייטען די רעיונות גאָר אַנדערש... איהר זאָגט: „דערצעהלט"... א בשר-ודם איז דען גאָר בכח אָנצודערצעהלען זיך אלע נסים ונפלאות, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון?.. זיין קפיצת-הדרך (דער נס פון פערקירצען א לאַנגען וועג דורך איין שפּרונג) איז דאָך געווען גוואַלדיג!.. האָט איהר געהערט אַבּיסעל?!.. ער שפּאַצירט ערב שבת מיט די תלמידים און טוט'ער התבודדות אויסער דער שטאָט און פאַר געהט אַזוי פּאַמעליך ווייט אין די בערג אַריין. דערווייל ווערט פינסטערליך, עס איז שוין באַלד צייט ליכט-בענשען — און אין שטאָט זעהט מען איהם נוט. מען נעמט זוכען אין שוהל, אין בית-דין-שטיבעל, מען אָקערט-אוים אלע גאַסען — נישטאָ, נישט ער, נישט די תלמידים הקדושים עם מיט זיך חושך — גוואַלד, וואו איז נעלם געוואָרען דאָס ליכט פון אונזערע אויגען?.. און ער אַליין, זכותו יגן עלינו, דאָרט אין די ווייטע בערג, וואַכט פּלוצים אויף פון די טיפע רעיונות. גיט א קוק אויפ'ן הימעל — נישטאָ שוין די זון. זאָגט ער צו די תלמידים: „קינדער מיינע, וואו זענען מיר? ס'איז דאָך שוין צייט מקבל שבת צו זיין!"...

בעפאַלט זיי אַן אימה. בקיצור, איהר זאָלט קיין יסורים נישט האָבען — ער האָט זיך אַן עצה געגעבען. איין רגע כמימרא — זענען זייערע פּים געשטאַנען אָט-אָ-דאָ, אויף דער שוועל פון שוהל...

— דאָס האָבען מיר שוין לאַנג געהערט! — זאָגט דער עלטסטער פון אונז אַביסעל אָנגעשטויסט.

— א חידוש, צי איהר האָט דאָס געהערט! מענש אײנער! די גאַנצע וועלט קלינגט דאָך מיט דעם!... אָדער, א שטיינער, די מעשה גורא מיט'ן שעיך, ימח שמו וזכרו... נישט ווייט פון דאַנען, טאַקע אָט-אָ-דאָ אַקעגען, — ווייזט ער אונז מיט דער האַנד אין פענסטער אויף די אַלטע דעכער פון די שכנ'ישע הייזער — איז געזעסען בײַ זיך אין רייכען פּאַלאַץ א שעיך, א צורר היהודים, אַן אמת'ער המן הרשע. יודען פלעגען געהן אין שוהל אַריין דאַווענען, פלעגט מען זיי פון זיין הויף פערוואַרפען מיט שטיינער. ס'איז גאָר א סכנה, אז דער שעיך אַליין פלעגט זיך נישט שעהמען וואַרפען אויף א יוד א שטיין... ביז וואַנען גאָט ברוך-הוא האָט זיך אַרומגעקוקט אויפ'ן שעיך, דער שעיך איז מת געוואָרען, און מען האָט איהם בעגראָבען בײַ איהם אין הויף, טאַקע אָט-אָ-דאָ נים ווייט אַקעגען... האָט מען שוין געמיינט, אז יודען זענען פּטור געוואָרען פון א צרה. האָבען זיך אָבער בײַם שעיך אויפ'ן קבר בעוויזען צוויי שוואַרצע הינט, גרויס ווי די קעלבער, און ווי נאָר א יוד פלעגט געהן אין שוהל אַריין, אַזוי פלעגען איהם די כלבים בעפאַלען און רייסען פון איהם שטיקער פלייש... פערשטעהט מען דאָך, אז דאָס זענען געווען נישט סתם כלבים, נאָר די אמת'ע „כלבי דחציפין" (חוצפה'דיגע הינט — שדים)... און אין שטאָט געוואָרען א מהומה... האָט מען דאָס געבראַכט פאַר איהם, זכותו יגן עלינו. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט מיט די ווערטער, ווי איך דערצעהל אייך: „רבונו של עולם, זאָגט ער, ווער האָט דאָ צו שאַפען בײַ דיר אין שוהל — איך, צי זיי?"... בקיצור, וואָס זאָלט איהר קלערען? אין איין רגע כמימרא זענען די צוויי כלבים נעלם געוואָרען און דעם שעיך'ס קבר איז אָפּגעמעקט געוואָרען עד היום הזה!..

(דאָס ווייטערע קומט).

די טראַגעדיע פּעפּי ליטמאַן

(ענדע פון זייט 6)

מאַכט און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער פילם פון'ם אַלגעמיינעם לעבען, ווי אויך די טעאַטער פאָרשטעלונגען.

די באָלשעוויקעס האָבען אַרויסגעגעבען א דעקרעט, אז אָהן דערלויבניש פון דער „יעווסעק" (יודישע קאָמוניסטישע סעקציע) טאָרען די יודישע אַרטיסטען נישט שפּילען, ווייל די יעווסעקציעס וועלען נישט דערלאָזען צו שפּילען קיין שונד פּיעסען, עס וועט אײנגעפיהרט ווערען ריינע קונסט.

די „יעווסעק" האָט אויך פּעפּי ליטמאַן פערבאָטען, צו שפּילען, ווייל זי טראָגט הויזען אויף דער סצענע און איהרע לידעלעך קלינגט א הויך פון יורען(?!)

אין דער הונגער איז אויך דער שרייבער פון די שורות אויסגעקומען צו קעמפען מיט די „חברים", געוועזענע מיטאַרבייטער פון „אונזער לעבען", ווי: אברהם מערעזשין, בן-ציון רוהאָווע, שופּרון און אַנדערע.

נאָך גרויסע מיה איז געלונגען צו פּועל'ן אז פּעפּי ליטמאַן זאָל אויך ווייטער שפּילען איהר רעפּערטואַר.

אינ'ם 1922 יאָהר, ווען פּ. ליטמאַן האָט זיך דערוואוסט, אז איך פאָהר פון דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד אין פאָהר קיין פּוילען, האָט זי מיך געבעטען, דאָס דורכפאָהרענדיג לעמבערג זאָל איך זיך ווענדען און איהר נאָמען צום ראָטונגען קאָנטאָר פון'ם טעמפּעל, אלס איהר פריינד און מיט איהם בעזוכען דאָס ראָטינגע בית עולם, וואו ער זאָל מאַכען א „אל מלא רחמים" אויף איהר מוטער'ס קבר און זאָגען קדיש.

* * *

ביז דעם פערגאַנגענעם יאָהר זענען נישט געווען קיין ידיעות וועגען איהר ציישטאַנד אין סאָוויעט-רוסלאַנד. ווען עס איז עפּעס יאָ דערגאַנגען א נישט קאָנטראָלירטע ידיעה, אז פּעפּי ליטמאַן פאָהרט אַרום שוין די רוסישע שטעט און שטעטלעך מיט א אונטערנעהמער א „מאַטראָס", אלס שמירה און זי גיט קאָנצערטען, איז עס דאָך נישט געווען בעוואוסט, צי דאָס איז אמת.

בשעת מעשה איז איהר מאַן י. ליטמאַן, א בעוואוסטער יודישער מוזיקער, געשטאָרבען אין יאַסי.

פּ. ליטמאַן האָט אין אָרעם התונה נעהאָט צום צווייטען

איהר איינציגע פערהייראַטע מאַכטע איז געבליבען אין לעניגראַד.

מיט עטליכע חדשים צוריק האָבען מיר זיך דערוואוסט פון די יודישע צייטונגען אין פּוילען, אז פּ. ליטמאַן שפּילט אין וואַרשאַ.

זי האָט בעקומען אַן'איינלאַדונג צו קומען קיין רומעניען, וואו זי איז פּאָפּולער, זי האָט אָבער נישט געקענט קומען, צוליעב איהר סאָוויעטישען פּאַס

דאָך איז אויך געלונגען צו בעקומען פון דער רומענישער רעגירונג אַן'ערלויבניש צו קומען אהער שפּילען.

גרויס איז געווען איהר פּחד צו קומען אין דעם לאַנד, וואו זי האָט אײנגעהייבען צו שפּילען אויף דער יודישער בינע. צום בעדויערן, האָט איהר געשטערט דאָס קומען אהער די פּלוצלינגע קראַנקהייט. איהר לעצטער בריף צו אונז פון'ם לאַנד איז פון פאָלגענדען אינהאַלט:

„איך בעט מיר ענטשולדיגונג, וואָס איך האָב נישט געענטפערט, ווייל מיין אומגליק איז זעהר גרוים. איך האָב געהאָפט דאָס איך וועל דאָס נישט בעדאַרפען צו שרייבען, אָבער גאָט שרייט „אני שלמה".

„אַזוי ווי אייך איז בעוואוסט בין איך שוין קראַנק דעם פערטען חודש און האָב פערקרענקט, וואָס איך האָב נאָך געהאַט, און איצטער האָב איך אפילו נישט, פאַר וואָס צו קויפען מעדיצין.

„איך שעהם מיך גאָר נישט פאַר אייך ווייל איהר ווייסט, דאָס בײַ אונזערע לייט קומען פאַר פערשידענע צייטען...

„איך בעט אייך, אַזוי ווי איהר וועט ערהאַלטען דעם בריף, זאָלט איהר אַלע זעהען מיר צו העלפען, מיט וויפיל עס וועט נור מעגליך זיין...

„פערגעסט נישט אין פּעפּי ליטמאַן!

„איך האָף, דאָס מיר וועלען זיך נאָך זעהען און פריידען".

לײַדער, האָט די געלד שטיצע זי שוין נישט געקענט אַרויסרייסען פון'ם מלאך המות'ס הענט...

פּעפּי ליטמאַן איז געשטאָרבען אין ווינער ראָטשילד-שפּיטאָל אין עלטער פון 56 יאָהר און איז בעגראָבען געוואָרען אין פרעמדע תכריכים...

אָט אַזוי איז דער טרויריגער גורל פון די יודישע אַרטיסטען און אַרטיסטקעס!

בוקאַרעסט.

קירזשנער - שניידער - ווערקשטעל **L. SUSMANEK** Piotrkowska 19, telefon 224-66 i 162-23

דער פּערזענליכער לייטונג פון דיפּלאָמירטען פּאַריזער מייסטער ה' ח. זוסמאַנעק (זוהן)

און נעמט אָן זעמטליכע שניידער-קירזשנער-אַרבייטען לויט די נייעסטע מאָדעלען פון אייגענע און אנפּערטרויטע שטאָפען צו קאָנקורענץ-פּרייזען

מעבעל! ◄◄◄◄ Mechaniczna Fabryka Mebli M. GELERMAN, Napiórkowskiego 59, tel. 186-71 **M. Gelerman**

בעזיצט אויף לאַגער מאָדערנע וואוינונג איינריכטונגען פון אַלערליי איידעלע האָלץ. נעהמט אָן אַלערליי בעשטעלונגען. פאַבריק

אכטונג: די מעבעל ווערען גאַראַנטירט, ווייל איך בעזיץ א טראַקנעריי צו טראַקנען האָלץ.

LUNA

לעצטע טעג!

דער ליבעס-פּליסטער פון דער נאַכט

א פילם, וואָס פאַר'שכור'ט

דראַמא פון הערצער און גרויסע ליידענשאַפטען לויט דער אויסגעצייכענטער נאָוועלע Guido Krutzer רעאַליזאַציע פון גלענצענדען איירעפּעאַישען רעזשיסער Wiktor Jensen

אין די הויפּט-ראָלען: Lil Dagover, Daisy D'Ora, Jan Stüwe, Aleksander Murski i Harry Hardt

הערליכע מוזיק-אילוסטראַציע פון גרויסען סימפּאָנישען אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' לעאָן קאַנטאָר. אָנהויב פון די סעאַנסען 4 א זייגער נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג 12 א זייגער מיטאָג.

פּרייזען פון די פּלעצער אויפ'ן ערשטען סעאַנס פון 1 זלאָטי. שבת און זונטאָג אַלע פּלעצער צו 75 גראָשען און 1 זלאָטי.

קינא ZACHĘTA זגערזשער 26

פון 7/10 ביז 13/10 איינשליסליך

גרויסער יום-טוב'דיגער פּראָגראַם

„ליון-ניק"

אין די הויפּט-ראָל: יאַנאָס טורקאָוו

ס'נעמען אויך אָנטייל פאָלגענדע אַקטיאָרען: מ. ליפּמאַן, ה. גאָטליב, כ. סעגאַלאָוויטש, סאַנדלער, פעניגשטיין, לערערמאַן, ווי אויך דער 5-יעהריגער כאָטיק.

צו דעם אויבינען פילם איז אַנגאַזשירט געוואָרען א ספּעציעלער כאָר, וועלכער וועט אויספיהרען פערשידענע יודישע לידער, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צו דעם דאָזיגען פילם.

אָנפאַנג פון די סעאַנסען אין די חול-המועד טעג — 4 א זייגער נאָכמיטאָג. יום-טוב — 12 א זייגער פאַרמיטאָג.

פּאַכמענישע שאָפער-קורסען Fr. Grętkiewicza, Łódź

פּיעטריקאָווער 111, טעל. 175-35

דעם 9-טען אָקטאָבער הויבט זיך אָן דער נייער קורס, דער איינציגער אין פּוילען אויטאָמאָביל-מאָדעל אין דורכשניט וואָס ווערט געבראַכט מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט, פערלייכטערט און פערפּאָלקאָמט שנעלער דאָס לערנען

די איינשרייבונגען זענען צוגענגליכע

פאַר אונבעמיטעלטע הנחות :-: די קאָנצעלאַריע ערטיילט אינפאָרמאַציעס און נעמט אָן איינשרייבונגען פון 9 פריה ביז 8 אָוונט.

טוך- און קאַרט-לאַגער

ב. גוטשטער

עגז. פון יאָהר 1902

לאָדז, נאַוואָמיעסקאַ 4, טעל. 128-10

עמפּפעהלט אויפ'ן לויפענדען סעזאָן א גרויסען אויסוואַהל פון דאַמען- און מענער-סחורות פונ'ם בעסטען קוואַליטעט פון לאָדזער, טאָמאַשאָווער, ביליצער און אויסלענדישע פירמעס

צו פאַבריקס-פּרייזען

הורט און דעטייל.

Dr. Wołkowyski

צוריקגעקעהרט

צעגיעלניאַנאַ 25

טעלעפאָן 126-87

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע. עלעקטרא-אַנאַליזע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.

נעמט אָן פון 8—2, און פון 6—9 אָוונט.

בעזונדער וואַרט-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. M. Heller

ספּעציאַליסט פאַר הויט- און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

נאַוראַט 2, טעל. 179-89

נעמט אָן פון 10 פריה, און פון 4—8 אָוונד

פאַר פרויען פון 4—5 נאָכמ.

אונבעמיטעלטע — לעטשניצע פּרייזען.

Dr. med. D. RAWICZ

ספּעציאַליסט פאַר קינדער און אינערליכע קראַנקהייטען

קילינסקיעגאָ 49 טעל. 154-36

צוריקגעקעהרט

נעמט אָן פון 3—5 נאָכמ.

ד"ר פּאַרמאַצקע פּילען

מיט דער מאַרקע ניט מערליכער בעקאַנט פון יאָהר 602

רעגולירען דעם מאָגען, שיצען פון רעוטמאַטיזם, לעבער לײַדען, געגען דיקקייט, אַטרעטיזם, דאָס קומען בלוט אין קאָפּ, שטילען די יסורים פון הערמאַראָידען, רייניגען דאָס בלוט און פערהינדערן צו אָבסטרוקציע—א גינסטט דורכרייניגונגס-מיטעל.

צוגעפּרוביכען 1 אָדער 2 פּילען א נאַכט.

פּרייז פון א שאַכטעל 1.85. אויסאַרבייטונג פון דער פירמע

Karczewski i Tuszyński, Warszawa Trębacka 4

אויפערזאַמקייט אין די אַפּטייקען און סקלאַדען מיט'ן „געשטעליכער" (zakonnik)

אין מיין ביורא

ווערט ערלעדיגט ביטעס אין אַלע אורזשענדעס, סאָנדעס, היפּאָטעקען, ירושות, דיפּעסטע עצות אין יורידישע געשעפטן אויך היפּאָטעקען-חובות

י. זאַמעק פּאַמאַרסקאַ 19

טעלעפאָן 200.10

קליענטען ווערען ביי מיר ערלעדיגט אין משך פון 24 שעה

דערמיט מאַך איך בעקאַנט, דאָס אין מיין נײַ-רעמאָנטירטער פריזיער-אַנשטאַלט זענען די פּרייזען ערמעסיגט. שערען קאָסט 1 זל., ראַזירען—50 גר., אָנדולאַציע 1.50, מאַניקיר 80 גר.

מיט אַכטונג פריזיער-אַנשטאַלט פּיעטריקאָווער 60.

אתרוג

קאָן זיך יעדער ערלויבען צו קויפען — נור אין די פירמע „Warszawianka"

ביי כוכאָוואָלסקי וסכאַרניאַ 60

ביי מיירסדאָרף נאָוואָמיעסקאַ 26

און נאָוואָמיעסקאַ 18 אין קעלער פראָנט

אתרוגים מובחרים לולבים והדסים

די ביליגסטע פּרייזען

רעסטאָראַן—דאַנסינג

„Piccadilly"

זאַוואַדזקאַ 1 — טעל. 203-40

פאַמיליען-קאַבאַרעט

אונטער דער לייטונג פון לאַנגיעהריגען אינהאַבער פון רעסטאָראַן „מעטראָפאָל" ה. ביגעלמאַן

מיט אַן'אינהאַלטסרייכען פּראָגראַם

MILL MILA — אינטערנאַציאָנאַלע סוברעטין

Anna & Giuseppa — טאַנץ-מוזיקאַל. געזאַנג-דועט

Anitta & Fret. Spring — עקסצענטרישער טאַנץ-דועט

Lola Bozutówna — כאַראַקט. קלאַסישע טענצערין

SPARY — קאָנפּראַנסיער און זינגער

אַ רייך פערזעהענער בופעט. — שמאַקהאַפטע קיך.

שבת, זונטאָג און יום-טובים

Five-O'clock

מיט'ן אַנטייל פון גאַנצען אַרטיסטען-אַנסאַמבל.

די דירעקציע.

ערשטקלאַס. פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט

„Bernardi"

פּיעטריקאָווער 17 טעל. 144-11

האָט פערקלענערט די פּרייזען

6 פאָסטקאַרטען—5 זלאָטיס

ביי יעדער פּויזע (ביז צו דער העלפט, ביז צו די קני, צי די גאַנצע פיגור)

די רעדוקציע פון די פּרייזען האָט נישט קיין איינפלוס אויפ'ן קוואַליטעט פון דער אַרבייט.

GIMNAZJUM MĘSKIE

T-wa Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów w Łodzi, Pomorska 46

(z prawami gimn. państwowych)

אום צו ערמעגליכען וועניג-בעמיטעלטע עלטערן צו געבען זייערע קינדער אַ געהעריגע ערציהונג האָט די פערוואַלטונג פון גימנאַזיום בעשלאָסען צו ערמעסיגען דעם שכר-למוד אין די פאָרבערייטונגס-קלאַסען ביז 300 גילדען יעהרליך. עס וועט דאָ געלייגט ווערען אַ גרויס געוויכט אויף די יודישע למודים.

Dyrektor:
Szymon Herman

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1.

נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.

קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישער הייל-קאַבינעט-מאַסאַזשיס

טעגליך פון 8 אַ זייגער פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג

בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען

וויזיט 3 זלאָטעס

לעצט!

אַכטונג! — אַכטונג!

קאָנקורענץ-פּרייזען!

כדי צו ערמעגליכען די ברייטסטע קרייזען פון ג' פּובליקום צו בעקומען אַ ביליגע און גוטע קינסטלערישע אויפנאַהמע' זענען די פּרייזען אין מיין פאָטאָגראַפישען אַנשטאַלט געוואָרען פערקלענערט ווי:

12 שטיק	(„Express pictures")	זל. 2
6 „	פאָסט-פאָטאָגראַפיעס	„ 2
6 „	„ פאָסט- ברוין	„ 6
6 „	„ „ אויף זייד	„ 8

אַכטונג — צו אַ ½ טוץ זיידענע פאָסט-פאָטאָגראַפיעס גיט מען צו — אַכטונג

אַן'אָריגינעלען פּאָרטרעט בחנם!!

ס'ווערען אויך אויסגעפּערטיגט פּאָרטרעטען אין ראַהמען און אויך אַ פערקויף פון ראַהמען

קומט און איבערצייגט אייך!

בעמ. די אויפנאַהמען פון עספּעראַנטאָ קאָנגרעס בעקומט מען ביי

מיט אַכטונג

„PARISIEN"

קונסט-אַנשטאַלט

פראַנציסקאַנער 30.

צו פערקויפען

אַ דעמבאָווע עס-צימער, גדאַנסקאַ 37, וו. 4, טעל. 115-93, אָנצוקוקען פון 9—11 און 2—4 נאָכמיטאָג.
4645

Dr. med. IGNACY MARGOLIS

אויגען-אַרצט און אָפּעראַטאָר

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

אַל. קאָשטשושקי 9 — טעל. 165.17

נעמט אָן פון 1—2 און 5—7

איך זוך אַ שותּף

מיט 300 דאָלאַר צו אַ מצבה-קריצער-פּלאַץ אין לאָדז אָדער פּראָווינץ. — פּערדינסט געזיכערט. אָפּערטען אונטער „מ. ל." אין רעדאַקציע.

Aha!

אהא!!!

העל קרישטאַל

אַנערקענט אַלס נישט-איבערשטייגבאַר גוט עמפּפעהלט

BROWAR GUSTAW KEILICH, ORLA

פערלאַנגט איבעראַל! — פערלאַנגט איבעראַל!

די בעסטע אַרטיסטען פון דער וועלט — ריינער מעלאָדישער קלאַנג

PARLOPHON

צו בעקומען אין אַלע סקלאַדעס פון מוזיק אינסטרומענטען.

דאָס ניי-ערעפענטע געשעפט

פון הערען-היטען ווי אויך ספּאָרט-היטלעך

וואָלף בעלכאַטאָווסקי

12 פּיעטריקאָווער 12 פראָנט-געשעפט

עמפּפעהלט דער ג' קונדשאַפט אין גרויסען אויסוואַהל היטען אין די נייעסטע פאַסאָנען און קאָלירען ספּאָרט-היטלעך, ווי אויך פערשידענע קינדער-היטלעך צו די ביליגסטע פּרייזען. — מיר בעטען העפליך אונז צו בעזוכען.

קלאַנג-פילם-טעאַטער

„MIMOZA"

ul. Kilińskiego 178

לעצטער טאָג!

אַ הערליכער קלאַנג-פילם פון „פּאַראַמאָונט" וועלכער דערמאָנט דאָס בילד „Braterstwo Krwi"

„פּיר פּעדערן"

אין די הויפּט-ראָלען:

Richard Arlen, Clive Brock, Noah Berry, Georg Fawcett

אָנפאַנג אין די וואָכען-טעג 5.30, 7.30 און 9.15

שבת, זונטאָג און חנאות 3.30

אויסערן-פּראָגראַם:

רעוועלאַציע-קלאַנג-צוגאַבע

דער נאָהנטסטער פּראָגראַם:

מעלאָדיע פון הערצער

טאַנץ-קלאַס

פון בעקאַנטען רוטינירטען טאַנץ-לעהרער

י. בערלינסקי

ליפּאָווע 26 (רוג זשעלאַנאַ) איז געעפענט געוואָרען אין אַ פּרעכטיג-איינגאָרדענטען לאָקאַל. טרעף-פונקט פון סאָלידער געזעלשאַפט. סאַלאָן-טענץ און די מאָדערנסטע שלאַגער-טענץ. אויך פּריוואַטע פּראַקטישע טאַנץ-לעקציעס.

אין דער 7 קלאַסיגע

קנאַבען שולע פון

נ. פּיינהויז

זאַוואַדזקאַ — 26 —

ווערן אָנגענומען קינדער אין עלטער פון 5 יאָהר בעמערקונג: די שולע עגזיסטירט שוין 37 יאָהר און אויסער די אַלגעמיינע למודים, וואָס ווערט גרינדליך געלערנט לויט דעם רעגירונגס פּראָגראַם. צייכענט זי זיך אויס מיט איהר גרויסען פּראָגראַם פון אַלע יודישע למודים.

דער דיפּלאָמירטער ווינער שוה-מייסטער פון אָרטאָפּעדישע

שיך!!!

[illegible]שטעלונגען אויף שיך פאַר פערזאָנען[illegible] [illegible]קראַנקייטען ווי: פלאַט-פיס, קורצע-פיס, אויסגעקרומטע פינגער, הויט-פערהאַרטעטע אָדטשיסקעס א.ד.ג. אַנאַטאָמישע לויט דער מעדיצינישער פּאַרשריפט. ערשטקלאַסיגע און עלעגאַנטע אויספיהרונג. איך גאַראַנטיר, אַז נאָכ'ן בענוצען מיינע שיך ווערען בעזייטיגט אַלע פוס-שמערצען און פערהיט פון אַלע פוס-קראַנקייטען. די שיך אויף פלאַט-פוס ווערען אויסגעפיהרט אָהן שום ווקלאַדקעס.

דיפּלאָמירטער ספּעציאַליסט פאַר אָרטאָפּ. שיך

Moritz Silberstein

Łódź, ul. Pilsudskiego 49

poprz. of. II piętro m. 51

„PRACA"

פּראָפעסיאָנ. קורסען פאַר פרויען ביי דער געז. צו פערשפּרייטען פּראָפ. אַרבייט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 21. ס'ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז עס ווערט אָנגענומען איינשרייבונגען א[illegible] פאָלגענדע אָפּטיילונגען: 1) דאַמען[illegible] שניידעריי, 2) שטיקעריי, 3) וועש-[illegible] העריי, 4) אָנדולאַציע, 5) מאַניקיר, 6) גאָרסעטען-מאַכעריי. 7) הוטען-פּוצעריי. דער סעקרעטאַריאַט נעמט אָן איינשריי-בונגען טעגליך פון 9—1 און פון [illegible]

מעבעל

פון בעשיידענע ביז לוקסוריעזע אַמביליגסטען און אויף צוגענגליכע צאָהלונגס-בעדינגונגען נור אין דער פירמע

Flakowicz i Recht

פּיעטריקאָווער 145, אין הויף.

עלטערן!

אין מיין הדר-שולע ווערען נאָכמיטאָג אָנגענומען קינדער, וואָס לערנען אין פּאָוושעכנע שולען צו לערנען: עברי, חומש רש"י, תּנ"ך, משניות, גמרא, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריף זעלבסט צוזאַמענשטעלען. ס'ווערען אויך אָנגענומען אָנפענגער פון 5 יאָהר אָן, ווי ס'ווערט אין פערלויף פון חדשים אויסגעלערנט גרינדליך דאַוונען. שטרענג, רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען.

איינשרייבען טעגליך 2 ביז 8 אָוונד.

יחיאל דוד ראָזענפעלד

פּל. וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6

קווער אָפּיצינע, רעכטס, 2, שטאָק.

ערשטקלאַסיגער קירזשנער-אַטעליער

פון

ה. וואַסערמאַן

לאָדז. פּיעטריקאָווער 42

נעמט אָן אַלערליי פוטער אַרבייט לויט די לעצטע מאָדעל

סאָלידע בעדינונג —— פּינקטליכע אויספיהרונג.

בעמ: איצט רעכטע אָפיצינע 2. שטאָק 2. איינגאַנג.

פּאָרטרעטונג פון קלאַמייער ט ל ת י ם.	פערקויף פון שרייב מאַטעריאַל	ספרים סקלאַד וושכאָדניא 34 פראָנט געשעפט	פערקויף פון שול-ביכער אין אַלע שפּראַכען	ווילנער ספרים-סקלאַד

מחזורים 25 פּראָצענט ביליגער!!!

דערמיט מעלדען מיר, אַז דער ספרים-סקלאַד „מסורה" איז איבערגעטראָגען אויף וושכאָדניא 34, פראָנט געשעפט ווי אויך איינגאַנג דורכ'ן טויער. צו בעקומען אַלע אַרט ספרים און לעהר-ביכער ספּעציעלער אויסוואַהל פון מחזורים, אויך די וועלט בערימטע ווילנער רב פנינים מחזורים, אויך מיט פּוילישע איבערזעצונג, ש"ס, חומשים, פּסוקים, משניות, מדרשים, סדורים, טלתים, גאַרטלען, קאַפּלען, ציצית, מזוזות, צום נייעם שול-סעזאָן פערקויף פון אַלערליי שול-ביכער אויך שרייב-מאַטעריאַל, אַזוי אַז דאָס חדר יונגעל קאָן זיך אַלעס אוי'ן אָרט איינאָרדנען צו רעיעלע פּרייזען. מיר האָבען געפּופּל'ט ביי די ווילנער ספרים פערלאַגען גרויסע הנחות ספּעציעל פאַר קינדער גמרות פאַר חדרים פון פירמע ראָזענקראַנץ, שריפטזעצער צו ביליגע פּרייזען, אַזוי אַז דאָס אָרימע קינד וועט קויפען אַ ליכטיגע, ריינע, פּינקטליכע ווילנער גמרא צום פּרייז פון אַ וואַרשאַווער גמרא. געדענקט דעם אַדרעס: וושכאָדניא 34. פראָנט געשעפט אָדער דורכ'ן טויער.

אָרערט איבעראַל די בעסטע וועלט-בערימטע

מחזורים כל-בו עם אלפס הוצאת ירושלים-תל-אביב

וועלכע האָבען בעקומען אַ וועלט אויסצייכנונג אַ דאַנק די גוטע דרוק און גוט גלאַנץ פּאַפּיער מיט גרויסע אותיות און אַ גוטע יודישע איבערזעצונג, אַז ווער עס קויפט די מחזורים ירושלים-תל-אביב דער פיהלט דעם אמת'ן עונג יום טוב.

די מחזורים איז צו בעקומען אין 1 באַנד, 2 באַנד, 4 באַנד אויף ראש השנה און יום כפור, ווי אויך אויף אַ גאַנץ יאָהר אין 5 באַנד און 9 באַנד אַלעס שעהנע פּראַכט-בענדער אויף אַלע לוקסוסאָווע בענדער. אויך מחזורים „אבני נזר" אין קלענערן פאָרמאַט מיט אַ ריין יודישע איבערזעצונג אין 4 און 9 בענדער. אַ ליכטיגע דרוק און גוט פּאַפּיער כסדר מיט גרויסע אותיות אַלעס גוטע שעהנע פּראַכט בענדער. אויך צו בעקומען די בעריהמטע וויענער מחזורים מיט פּוילישע און דייטשע איבערזעצונגען מיט פיינע וויענער לוקסוסאָווע בענדער אויף ר"ה יו"כ אין 4 טיילען, ווי אויך אויף אַ גאַנץ יאָהר אין 9 טיילען אויך 1 טייל און 2 טיילען. אויך סידורים מיט פּוילישע איבערזעצונג צום סעזאָן איז פּאָרגעזעהן אַ גרויסען אויסוואַהל פון אַלע סאָרטען ספרים ווי, סידורים, מחזורים, חומשים, ש"ס טורים, רמבם, משניות, חוקים, פסוקים א.ז.וו. אַלע סאָרטען טליתים וואָלענע און זיידענע ציצית, תפילין, מזוזות, קאַפּלין, גאַרטלין אַלע זאָרטען עטרות עכט גאַראַנטירט זילבער אַ ספּעציעלער אויסוואַהל פון וויענער זיידענע טליתים, אַלע זאָרטען לערן-ביכער יודישע און העברעאישע' ספּעציעל אויף שמחת תורה איז **פּעהנער** מיט געפּאַרבטע שטעפּאָרגעזעהן אַ גרויסער אויסוואַהל קעלעך פאַר קינדער אויך קליינע און גרויסע ספר תורה'לעך פאַר קינדער אַלע זאָרטען הבדלות.

הורט און דעטייל אַלעס צו די ביליגסטע קאָנקורענץ פּרייזען.

פאַר סוחרים אַ ספּעציעלען ראַבאַט

בעשטעלונגען פון פּראָווינץ ווערען זאָפאָרט ערלעדיגט.

צו ווענדען זיך דירעקט אין הויפּט ספרים געשעפט פון

יצחק שלאַמאָוויטש, לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ № 16

Księgarnia i Wydawnictwo **J. Szlamowicz** Łódź, Nowomiejska № 16

מיט אַ רוהיג געוויסען

קענען מיר גאַראַנטירען,

דאָס מעטאַל-בעטען, קינדער-וועגעלעך, מאַטראַצען פאַר האַלצענע בעטען לויט'ן מאָס „פּאַטענט", וואַש-טישען און וויזשימאַטשקעס אַמביליגסטען איז צו בעקומען אין פאַבריקס-לאַגער

„Dobropol"

פּיעטריקאָווער 73 אין הויף, טעל. 158-61

מודעה!

דער בעוואוסטער לערנער, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט זיין פּעדאַגאָגיע צווישען אַלע לומדים ומופלגי תורה איינער פון די בעסטע מסבירים אין לאָדז

משה שפּירא,

עפענט א חדר וושכאָדניא 27 ערשטען שטאָק אין הויף לינקס, אַ לאָקאַל מיט אַלע בעקוועמליכקייטען ערשט קלאַסיג, אויך מיט די בעסטע פּעדאַגאָגישע קוואַליפיצירטע לעהרער וואָס עס ווערט געלערנט ביז 7 אָדזיאַלען מיט אַלע וועלטליכע למודים. אָנפענגער ווערן אויך אָנגענומען

מיט אַכטונג

משה שפּירא

טוך- און קאָרט-לאַגער

Sz. Maroko, Łódź

נאָוואָמיעסקאַ 2 פראָנט 1 שטאָק טעל. 15948

עמפּפעהלט צום ווינטער-סעזאָן אַ גרויסען אויסוואַהל פון די נייעסטע און בעסטע דאַמען- און מענער שטאָפען

צו שלאָפען

פאַר איינע אָדער צוויי פרייליינס קען זיי' מיט אַ פראַצאָוניע ביי אַן'אַנשטענדיגע פאַמיליע. אָפערטען אָפּצוגעבען אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" פאַר „M. N."

צנים פחים בדרך עקש, שומר נפשו ירחק מהם.

תקעו בחדש שופר, בכסה ליום חגנו. כי חוק לישראל הוא

משפט:

איבער דעם זאָלסטו גלייך קומען אין דעם בעוואוסטען רעכטסקאָנסולענטן-ביוראָ

מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17

(זאַכאָדניא 52) טעל. 148-79

וואו עס ווערט פּינקטליך ערלעדיגט, געוויסענהאַפט געשריבען אַלערליי ביטעס: ציווילע, קאַרנע, האַנדלאָווע אַפּעלאַציעס, אָדוואָלאַניעס, קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, וועגען דירות אין אורזשאָנד ראָזיעמטשי. ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.

בעמ.: קלאַוזולעסאָוו זאַבעזפּיעטשעניעס ווערען ביי מיר ערלעדיגט

במשך 24 שעה.

מיט אַכטונג

ד. מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: [illegible] אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]

Redaktor-wydawca E. Hamburski — Drukarnia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska [illegible]